ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# בית נאמן
# אידיש

**87**

**הוצאת אמונה**
**ברוקלין נוא יארק,**
**שנת תשל"ח לפ"ק**

בעזרת השם יתברך

ספר

# בית נאמן

לבנות בית נאמן לחשי"ת ולתורתו
לחיות חיים מתוקנים ומסודרים על פי התורה
לזכות לבנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות
ושלום על ישראל

צו בויען א אידישע הויז לויט דעם ווילן
פון השי"ת און זיין תורה.
צו זוכה זיין צו קינדער און קינד'ס קינדער וואס
זענען עוסק אין תורה ומצות ושלום על ישראל.

מאת

אלחנן יוסף בהר"ר שמואל זללה"ה הי"ד הרצמן

עיה"ק ירושלים תובב"א
שנת חמשת אלפים תשל"ח לבריאת העולם

את הספר אפשר להשיג :

אצל המחבר :
E. J. HERTZMAN
61 Harrison Av. Apt. 5D
Brooklyn N. Y. 11211

תודת המחבר מסורה לכל העוזרים והמסייעים

מהדורה חמישית
(שניה באידיש)

נדפס בארץ־ישראל

מפעלי ספרים ליצוא בע"מ
books export enterprises l.t.d.

# הסכמה


מרדכי שלמה פרידמן

אדמו"ר מבויאן

247 איסט בראדויי, ניו־יורק


בעזהש"י

כה בא לפני כמ"פ האברך הרב המאוה"ג החו"ב יו"ש זית רענן יקר הערך מו"ה אלחנן יוסף הערצמאן נ"י, מתלמידי ישיבת מיר, וכעת הראה לי חידושיו עה"ת ואיוב. דברים יקרים ומוסרים גדולים אשר דלה דלה מהכתובים ומפירש"י ז"ל. ותורה שלמד באף מתוך צער ועוני [לתפ"צ] עמדה לו לדלות פנינים יקרים מעומק דברי תוה"ק. אשר נחת ינחתו בם אוהבי תורה ושוחרי מוסר. לזאת אף שאין מדרכי ודרך אבותי הק' זי"ע נ"ע לבא בהסכמות. הפעם יצאתי מגדרי.

וע"ז באתי עה"ח יום ועש"ק ב"ב ארבעים למב"י תש"י לפ"ק פה ניו־יורק.

מרדכי שלמה

בהר"ר יצחק זצ"ל

[כידוע שהאדמו"ר זצ"ל הוציא מתחת ידו רק שבע הסכמות וזו אחת מהן].

# הסכמה

אברהם יהושע העשיל
במוהר"ר יצחק מאיר זצללה"ה
מקופיטשיניץ

ב"ה יום א' ר"ח כסליו תשכ"ז לפ"ק.

הן בא אלי כבוד הרב הגדול בתורה ויר"ש כש"ת מוה"ר אלחנן יוסף הערצמאן שליט"א מתלמידי ישיבת מיר. ואני מכיר אותו מזמן בואו לארה"ב מגולי שנחיי — כבר נודע לתהילה בחיבורו החשוב „מוסר השכל" על חמשה חומשי תורה. וכעת הוא עומד להוציא שאר חידושיו על התורה ועל עניני חינוך ומידות.

באתי בזה לבקש את אנ"ש הי"ו ולומדי תורה לעמוד לאחיעזר לידידי הרה"ג שליט"א בכל כוחותיהם שיזכה לברך מהרה על המוגמר להגדיל תורה ולהאדירה ולזכות את הרבים.

ומובטחני כי לומדי תורה ומוקיריה יכניסו הברכה הזאת אל ביתם ולהנאתם. וגם אני אקח בלי"נ ספר אחד כשיצא לאור.

כ"ד הכו"ח לכבוד תוה"ק ולומדי' מצפה לישועת כלל ישראל ולהרמת קרן התורה במהרה.

אברהם יהושע העשיל במוהר"ר יצחק מאיר זצללה"ה

# הסכמה

משה פיינשטיין
ר"מ תפארת ירושלים
בניו-יורק

בע"ה

הנה ידידי הנכבד והמופלג מאד ביראתו הטהורה ה"ה הרה"ג מהר"ר אלחנן יוסף שליט"א הערצמאן אשר כבר נתפרסם ויצא לו מוניטין בעולם בספרו הנכבד בשם מוסר השכל, אשר יש מזה תועלת גדול לקרב בני הישיבה שיעיינו בעניני יראת ה' ומוסר חכמים ולאהבת התורה והמצוות, ועתה רוצה להוציא לאור מאמרים נכונים בעניני חינוך לתורה ולכל מצוות השי"ת, וגם מאמרים נכונים במצות הטובות שנצטוינו ואיך להתנהג בין אדם לחברו וגם בין איש לאשתו, אשר כל המאמרים ראויים מאד לעיין בהם ולעמוד על עיקרן ולהשתדל לקיים מצוות השי"ת, ללכת בדרכיו, שהוא להתדמות לדרכי השי"ת כדפרש"י בסוף פ' עקב. שלכן דבר טוב עושה הרב המחבר להדפיסם ולהוציאם לאור עולם לזכות הרבים.

ועה"ז באתי עה"ח למען חשיבות הענין ולכבוד המחבר ביום ב' לסדר חקת התורה ב' תמוז תשכ"ו בניו-יורק.

נאום משה פיינשטיין

# הסכמה

חיים ליב שמואלביץ
ראש ישיבת מיר

פעיה"ק ירושלים תובב"א

הנני בזה להכיר בשער בת רבים מעלת כבוד ידידי הרב הגאון ר' אלחנן יוסף הרצמן שליט"א, אשר למד לפנים בישיבתנו הק' במיר, ובמשך גלות שאנכאי, ועלה ונתעלה לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, וכן נתעלה מאד בחכמה ומוסר ויראת ה' טהורה בהצטיינות מיוחדת, וחונן בפה מפיק מרגליות להשפיע ולהעניק מרוחו לרבים השומעים לקחו, וזכה לחבר כמה חבורים בכת"י בעניינים אלו, וכעת משמש כמנהל רוחני בישיבת רמת השרון.

לכן אמרתי לסמכו בסמיכת חכמים יורה יורה ידין ידין, וכל מן דין סמיכו לנא, והוא מוכשר לשמש ברבנות בקהלה הכי חשובה בארץ ובחו"ל, וכן לשמש כראש ומנהל רוחני בישיבה חשובה, וכל קהלה שתבחר בו תתברך מן השמים כמו שאמרו ז"ל תיכף לת"ח ברכה, ולרגלו תברך קרת.

הכותב וחותם לכבוד התורה ולומדי'

חיים ליב שמואלביץ
ראש ישיבת מיר

# הסכמה

שמעון ישראל פאזען
אבדק"ק שאפראן יצ"ו
כעת בברוקלין יצ"ו

ב"ה

כבוד ידי"נ הרה"ג מו"ה אלחנן יוסף הערצמאן שליט"א, ביודעי ומכירי קאמינא, הוא איש נלהב להלהיב לבות בני עמינו ללמוד התורה הקדושה בהתמדה ובקדושה, ולהרחיק מבחורי חמד חכמות זרות, אשר בעו"ה גם בין תלמידי ישיבות פשתה המספחת להיות פוסחים על שתי סעיפים ולחלק את ימיהם לקודש וחול או לטומאה, כלומר שלומדים חלק היום גמרא ומפרשים וחלק של יום הם הולכים ללמוד חכמות זרים באותן מקומות אשר ח"ו יונקים שם ממש מהשפעת הכופרים.

והרה"ג הנ"ל בוערת בו קנאת ד' באמת כמו שלמד מצדיקי אמת (גם זוגתו הרבנית שתחי' היא מגזע רבינו הקדוש והנורא בעל דברי חיים זי"ע ועכ"י אשר ידוע מסירת נפשו בעד טהרת לימוד תוה"ק) וכל מגמתו להראות איך דרך זו היא סכנה נוראה למי שרוצה להשאר נאמן לירושת אבותינו אשר מסרו נפשם תמיד על טהרת המחשבות והאמונה.

על־כן צריכין אנו להחזיק טובה להרה"ג הנ"ל ולחזק ידיו בכל מה דאפשר כדי שמעשיו יצליחו בס"ד. ובזכות זה נזכה לראות הרמת קרן התורה הקדושה בביאת בן דוד בקרוב בימינו.

א' דסליחות תשכ"ו לפ"ק.

שמעון ישראל פאזען

# הסכמה

לוי יצחק גרינוואלד
רב דקהל ערוגת הבשם
ברוקלין נ.י.

ב"ה

הנה כבוד הרב המופלג בתוי"ש חסיד ישר ונאמן מוה"ר אלחנן יוסף הערצמאן נ"י עשה חיבור מיוסד על מדות טובות בין אדם לחבירו ובין אדם למקום, ויש בו תועלת לכל. וכבר יש לו הסכמות מגדולי דורנו. ע"כ ראוי ונכון להחזיקו ולקנות את הספר בכסף מלא.

בעה"ח ב' וארא תשל"ב לפ"ק.

לוי יצחק גרינוואלד

# הסכמה

יוסף גרינוואלד
רב דקהל „קהלת יעקב" מפאפא
660 בעדפארד עוועניו
ברוקלין נ.י.

ב"ה

למראה עיני היה הקונטרס בית נאמן אשר חיבר ידידי הרב המופלג בתוי"ש חסיד ישר ונאמן מו"ה אלחנן יוסף הערצמאן שליט"א אשר בו ליקוטי מוסר בעניני מדות טובות, ומיוסד להרבות שלום בין אדם לחבירו ובין איש ומשפחתו, דבר השוה לכל נפש, מלוקט משיחות גדולי הדור וספריהם. והיות כי ביקשני לבא בשורות אלה להסכים להוציאו לאור הדפוס אמרתי לעשות רצונו להגיד שכדאי להציאו לאור, ואף לתרגמו בלשון אידיש המובן לכל ויהיה לתועלת.

בעה"ח ג' לס' שמות תשל"ב לפ"ק

יוסף גרינוואלד אבד"ק פאפא

# הסכמה

הילל ליכטענשטיין
הרב מקראסנא
רד סטריט 43—1654
ברוקלין נ.י. 11204
ב"ה

הן הראו לפני ספרי הרב הגאון המופלג ירא וחרד יקר ערך כש"ת מו"ה אלחנן יוסף הערצמאן שליט"א, וראיתים כולם חטיבה אחת כלהבות אש קודש מלאים להלהיב הלבבות לעבודת אבינו שבשמים, בהשכל ודעת משובצים בשיחות ומימרות יקרות קולעים אל השערה, ובפרט הגדיל לעשות בספרו „בית נאמן" אשר בו מקיף באופן יסודי את כל עניני התנהגות הבית היהודי על־פי דרך ישראל סבא, ואמינא לפעלא טבא יישר כחו וחילו לאורייתא, ומה גם אם יזכה לתרגמו בלשון „אידיש" המדובר אקוה שיעשה רושם רב בלבות הקוראים, ועל־כן מצוה לחזקו ולסעדו להוציא לאור מחשבתו הטובה, וכל המסייעים יתברכו משמי מעונים בכל מילי דמיטב.

כ"ד החותם לכבוד התורה ולומדיה, יום שנכפל בו כי טוב לס׳ יברכך ה׳ וישמרך תשל"ב לפ"ק, ברוקלין.

הק׳ הילל ליכטענשטיין מקראסנא

ב״ה

# פארווארט

״במה אודה ה׳ איכף לאלקי מרום״ מיט וואס קען איך לויבן דעם אויבערשטן און מיט וואס קען איך זיך אונטערבויגן צו דעם ג־ט פון די הויכע הימלען, וואס האט מיר מזכה געווען צו אנטייל נעמען אין די גרויסע מצווה צוריק אויפשטעלן ג־ט׳ס מזבח (לויט ווי די חז״ל זאגן אין סוף גיטין אז איינער גט זיין ערשטע ווייב, אפילו דער מזבח פארגיסט אויף דעם טרערן), און אוסצוהיילן די צובראכענע הערצער. דאס באלייגט צום פארווייטאגי־דיגן פראבלעם וואס האט ליידער צו אונדזער ווייטאג און בושה זיך פארשפרייט אויף מורא־דיגע מאסשטאבן. דאס רעדט זיך וועגן דעם צושמעטערונג פון די אידישע פאמיליע דורך אויסרייסן דעם שלום בית, וואס אין די גרעסטע מערהייטן פון די פאלן קומט דאס נישט חלילה פון די שלעכט־הארציקייט פון איינעם פון די פאר־פאלק, נאר פשוט דאס קומט דורך דעם וואס איינער פארשטייט נישט ווי אריינצודרינגען צו די הארץ און דעם מיינונג פון דעם צווייטן, פשוט מיס־פארשטענדליך. אמייסטנס פאסירט דאס ביי די יוגנט, ווייל זיי האבן נאך נישט אויספייעט צו דערקענען און אריין צודרינגען אין הארץ און נפש פון צווייטן צד. מען קען זאגן מיט די גרעסטע זיכערקייט, דאס ווען מען וואלט זיי פריער אויסגעלערנט און מדריך געווען, וואלט מען פארשפארט אסאך טראגעדיעס און געראטעוועט טויזענטער משפחות פון פארלענדונג און צושמעטערונג און פון גרויסע בזיונות. מען וואלט מיט

דעם פארשפארט צענדליגער טויזענדער לעבעדיגע יתומים רח״ל.

דערפאר האב איך גענומען אויף זיך דעם הייליגן פליכט מיטן אויבערשטנס הילף, צו עפענען די פארבלענדעטע אויגן פון דעם יוגנט צו זיי באלייכטן דעם לעבן׳ס וועג, דאס זיי זאלן וויסן אויף וועלכע וועג צו גיין.

*

אונזערע הייליגע חז״ל האבן שוין געזאגט ״גדול השלום שלא מצא הקב״ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום״ זעה נאר ווי גרויס איז די ווערדע פון שלום, דאס ג־ט האט נישט געפונען קיין כלי וואס זאל קענען האלטן א ברכה צום כלל ישראל, נאר דער שלום. וואס מיינען די חז״ל זאגענדיג ״כלי מחזיק ברכה״, נאר דער פשט איז, ווי מיר געפינען שוין אין די ווערטער פון שלמה המלך ע״ה ״טוב ארוחת ירק ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב״, עס איז בעסער א גרינס מאלצייט וואס דער שלום איז דערביי, איידער א שטוב וואס איז פול מיט פליישיגע קריגעריי־מאלצייטן, דאס מיינט צו זאגן אז אפילו די שטוב זאל זיין אנגעפאקט מיט אלעס גוט׳ס וואס איז נאר דא אין דער וועלט, אויב דער שלום איז נישט דערביי האט עס קיין ווערדע נישט. דאס מיינען די חז״ל צו זאגן אז דער שלום איז א ״כלי מחזיק ברכה״ אז אויב דער שלום איז דא אין שטוב דענסמאל קען די גוטסקייטן וואס איז פארהאן אין שטוב אנגירופן ווערן ברכה דאס מיינט צו זאגן אז **דער שלום איז דער כלי וואס שאפט ברכה.**

און ווי באלד מיר האבן שוין אנגערירט אין דעם פסוק ״טוב ארוחת ירק ושלוה בה וגו׳״, זעהט מיר אויס צו מפרש זיין אז די כוונה פון דעם פסוק איז אז אויב מען

עסט די גרינס נאר צוליבן צוועק צו קענען עקזיסטירן, פארשטייט זיך אז די מיינונג אויף עקזיסטירן איז צו דינען דעם רבוש"ע, וואס דאס איז דאך דער עיקר — דאן איז "ושלוה בה" דאס מיינט צו זאגן אז די אינערליכע כחות, (די נערוועך די הארץ און מוח), זענען רוהיג און שטיל, און עס גייט איהם נישט אן וואס לייטן וועלן זאגן, צו פאראורטיילן לויט זיין עסן צו ער איז רייך אדער ארעם. אבער אין געגן טייל ווען די כוונה פון דעם עסן איז נישט וועגן זאט ווערן, נאר אויסצונעמען אין לייטנ'ס אויגן, דאן דארף מען האבן שיינע כלים, און שראנקען צו האלטן דארטן די כלים, און א שיינע וואוינונג מיט שיינע מעבל, און טאפעטן, אלץ צוליב לייטן. דער מענטש וואס זוכט אבער נאר צו דערהאלטן זיין לעבן כדי צו קענען דינען ה' יתי איז גענוג ווי עס שטייט אין די הייליגע תורה "לחם לאכול ובגד ללבוש", דאס מיינט צו זאגן ברויט צו עסן און א מלבוש אנצוטאן, פאר איין מענטש איז גענוג איין בגד און ברויט צו זעט. אבער ווען ער מאנט חוץ פון זיין נויט באדערפטיגע זאכן און נאר ביי לייטן נושא חן צו זיין, **איז דאס אן אברעג**, ווייל ווער קען עס פאר אלעמען יוצא זיין. מ'קען דאס צוגלייכן צו א משל ווען איינער טרינקט געזאלצינע וואסער — קיין מאל וועט ער נישט צופרידן זיין. וויפל חברים און באקאנטע ער האט, אזוי פיל וועט זיין זיינע אויסגאבן אין יעדן עסן און טרינקען און קליידונג.

*

דעריבער ווענדע איך זיך מיט מיין בקשה צו די יוגנט, זיי זאלן זיך גוט פארטיפן אין דעם פראבלעם, און זאלן עס גוט דורכלערנען, ווייל די בעסטע ברכה שטעקט אין דעם. מיטן אויבערשטנס הילף דורך פארטיפן זאך אין דעם פראבלעם, און דורך אנשטרייגונג, וועלן זיי דערגרייכן

צו א מצב פון ״כלי מחזיק ברכה״, און דער שלום וועט פארשפרייטן זיינע פליגלען אויף זייערע שטיבער.

עס זאל זיין דער ווילן פון אויבערשטן וואס ער איז דאך דער **אלקי השלום**, ער זאל אויסשפרייטן זיין סוכת שלום אויף אונז און אויף גאנץ כלל ישראל, און דאן וועט פארשוואונדן יעדער טרויער און קרעכץ.

# בית נאמן

## א
## יוצר האדם

ווען א איד גייט אריין אונטער די חופה מאכט ער די ברכה „יוצר האדם", ווייל אין דעם יעצטיגן מאמענט ווערט דער מענטש פון דאסניי באשאפן. די אלע יוגנט־פאנטאזיעס און חלומות וואס זענען אזוי געשמאק און זיס געווען — ווערן אין א סעקונדע פארשוואונדן ווי א טרוקענער שאלאכץ פון א קנאבל וואס פליט אוועק אין דער לופטן; אזוי ווי א אנגעבלאזענער באלאן וועלכער שיינט מיט זיינע פולע פארבן, און אלע פארשידענע שיינקייטן זענען אויף איהם אויס געמאלט, און פלוצלונג קומט אימיצער און גיט איהם אשטאך מיט א נאדל, דער באלאן פלאצט אויס מיט א גרויסן רעש, און דער קינד וועלכע האט זיך ביז יעצט געשפילט מיט דעם, שטייט נעבאך פארצווייפלט מיט א דינעם פאדים און די שיריים פון א שטיקל גומי אין זיינע הענט. דורכן אויפרייס איז פארשוואונדן זיינע אלע פריהערדיגע פאנטאזיעס.

## ב

דער חופה טאג איז א טאג פון תשובה. דאס איז א טאג אין וועלכן א מענטש דארף זיך בארעכנען אין זיין גאנצן פארגאנגענ־הייט, אין זיינע אלע גרייזן און שטרויכלונגען, און די סיבות וועלכע האבן צודעם צוגעברענגט, צו די שולד איז אויף אים זעלבסט, אדער אויף זיינע חברים און שכנים, און דער עיקר איז אויף דעם יצר הרע וועלכער לאזט נישט צורוה אפילו איין מינוט. ווייל דער יצר הרע איז דאך אלעמאל פריי און גרייט צו זיין אויפגאבע, ער האט דאך נישט קיין אנדערע געשעפטן, עס פאדערט איהם דאך נישט קיין עסן, שלאפן, א רפואה אדער וואס קויפן אין מארק. 24 שעה אין מעת לעת נאכאנאנד שטייט ער גרייט אויף זיין אויפגאבע וועלכע איז צו שטרויכלען א מענטש און איהם זינדיג

מאכן, אזוי ווי דער פסוק זאגט „צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו״, דער רשע (יצר הרע) קוקט אויס אויף דעם צדיק און זוכט איהם צו טויטן. ער באגלייט דעם מענטשן אין זיינע אלע טריט, סיי געהענדיג אין גאס, סיי ווען ער זיצט ביים טיש, סיי ליגענדיג אין בעט. ער לאקערט אין דעם מענטשן אינעווייניג, געוועלטיגט אויף זיינע געדאנקען אויף זיין רעדן, און אפילו אויף זיין אטעם. אזוי ווי א שאפער (א דרייווער) וועלכער פירט זיין מאשין צו יעדן ריכטונג וואס ער וויל אן קיינע שטערונגען, און ברייגנט זיינע פאסאזשירן צו יעדן פלאץ און ריכטונג וואו זיי ווילן.

נאך א געהעריגע בארעכענונג קומט דער מענטש צו א מסקנה אז מען דארף תשובה טאן. די פונדאמענטן פון תשובה איז: חרטה אויף די פארגאנגענהייט און נעמען אויף זיך א שטרייגנע קבלה אויף די צוקונפט. עס איז זייער שווער נאך א תקופה פון 18 יאר לעבן צו זאגן צו זיך אליין: דו האסט באנקראטירט! אבער עס איז דאך בעסער צו אנערקענען אין דעם באנקראט פון 18 יאר לעבן אידער צו קומען אויף יענער וועלט מיט א באנקראט פון 70 יאר לעבן...

אונזערע הייליגע חז״ל זאגן „אם יש דין למטה אין דין למעלה״ אויב א מענטש משפט זיך אליין אין די וועלט משפט אים נישט דער רבש״ע אויף יענער וועלט. און דאס דארף מען גידיינקען אז דער משפט אויף יענער וועלט איז אין גאנצן אנדערש, און די רעכענונגען זענען אנדערע. אזוי ווי א דאקטער וואס הייסט דעם קראנקען א זופ טאן א ביסאלע פון א געשמאקע רפואה וועלכע ער האט איהם אנגעגרייט, און ער ווארנט איהם דאס אויב ער וועט נישט איין נעמען די רפואה ווי עס דארף צו זיין, וועט ער מוזן דורך גיין א שווערע אפעראציע, אויף וועלכע דער דאקטער קען קיין גאראנטי געבן דאס עס וועט דורך גיין בשלום.

ג.

דער מענטש איז געגליכן צו א גאלד גרוב וועלכע געפינט זיך אין א גרויסען געדיכטן זומפ, פארשטייט זאך דאס מען מוז די

גאלד אריין ברענגען אין א לייטערונג־טאפ איהם גוט אויס צו ריינינגן און אויס צו לייטערן, און דאן שפילט דאס די ראלע אלס גאלד. די הייליגע תורה דאס איז די לייטערונג׳ס מיטל, זי רייניקט דעם מענטשן, און נעמט אראפ פון איהם די גאנצע פסולת, אזוי ווי בוימל וועלכע מישט זיך נישט אויס מיט וואסער. אבער מיט דעם באדינג אז דער מענטש זאל שטענדיג הארעווען אין די תורה און אז דאס זאל זיין דער גאנצער באגער זיינער, דעמאלס וועט ער נישט זעהן קיין חסרונות נאר אין זיך אליין, און מעלות אויף א צווייטן, זיין הארץ וועט דאן אויפבליהען אזוי ווי א גארטן אויס־געשטעלט מיט אלעס גוט׳ס און מיט אלע שיינהייטן וואס גיבט נאר אויף דער וועלט, וועלכע רופט אלעמען אריין צו גיין און געניסן. אויב עס פאסירט אמאל און דער יצר הרע איז איהם מכשיל אויף א מינוט מיט קנאה שנאה טראכטונגען, טרייבט ער דאס וואס גיכער ארויס פון זיין הארצן, אזוי ווי מיסט וואס אמענטש ווארפט ארויס וואס ווייטער פון זיין רויזן־גארטן, כדי נישט אויסצושמירן און איבערפירן זיין שיינקייט.

נאטירליך וויל אמענטש נישט זיין דער ערשטער בעל עבירה׳ניק. און אזוי איז מפרש דער מהרי״ל דיסקין זיע״א דעם מאמר חז״ל אין פסוק „והוי דן את כל האדם לכף זכות״ ווען דו וועסט טראכטן שטענדיג דאס די גאנצע וועלט איז גוט און פיין, וועסטו נישט קענען עובר זיין א עבירה, ווייל דו וועסט נישט וועלן זיין דער ערשטער בעל עבירה׳ניק.

אט די אלע געהעריגע מחשבות און געפילן וועלכע מיר האבן דערמאנט ביז יעצט, דארף א מענטש אין זיין חופה טאג אריין לייגן טיף אין די געדאנקן, אזוי ווי אין א טערמוס פלאש כדי די ווארימקייט און פרישקייט זאל אפגיהיט ווערן אויף א גאנצן לעבן.

ד

„שירו לד׳ שיר חדש״ מען דארף לויבן מיט א נייעם געזאנג דעם

וועלט באשעפער, און א געזאנג קען נאר ארויס שפראצן פון א הארץ וועלכע איז איבער געפילט מיט פרייד און ווילן, וועלכע געפינט זיך אין א שטאנד פון התפעלות און ערהאבנקייט. די הויפט זאך איז נישט צו פארעלטערט ווערן אין דעם גייסט שטאנדפונקט. יעדע סקונדע גיבט א נייע אויפפרישונג אין די בריאה. עס גיבט נייע צרשיינונגען אין דעם מענטשן אין זיין קוק און געפיל, דעריבער דארף ער גיין און שטייגן העכער און העכער, און דאן וועט ער קענען אנגערופן ווערן דער אמת'ער סאלדאט פון ה' וועלכער שטייט נישט אויף איין ארט, נאר גייט ארויף העכער און העכער אויף ג־ט'ס לייטער, וועלכער ווערט אנגערופן אין די תורה „סולם מוצב ארצה" און ער וועט נישט גיפינען קיין רוה און פארגעניגן נאר דאן ווען ער וועט צוקומען צו „וראשו מגיע השמימה" זיין שפיץ דער גרייכט צו די העכסטע ספערן פון הימל, ווייל דאן וועט דער מענטש אויסרייסן פון זיך די עגואיסטישע זיטן [מידות]: קנאה, שנאה, און נאך אזעלכע. ער וועט זיך פילן פאר א טייל פון כלל ישראל וועלכער איז גוט איינגעפונדעוועט און איינגעוואָרצעלט אין דעם אידישן תורה גארטן; ווייל דאן וועט ער פארשטיין אז א טראפן וואסער איז גארנישט אנטקעגן דעם גרויסן ים וועלכער הויבט אויף זיינע כוואליעס ווייט, און גיבט ארויס אויף זיינע פארטן די טייערסטע אוצרות און דימאנטן, און צוזאמען מיט דעם זינגט ער א לויב געזאנג פאר דעם רבוש"ע. און ווען עס פאלט אריין אט דער איינציגער טראפן אין ים, פאראייניגט ער זיך מיט דעם געוואלדיגן כח פון דעם ים, און ער וויל נישט מער זיך אפשיידן פון אים. אזוי ווי אין דעם הייליגן תנ"ך שטייט „לתאוה יבקש נפרד", זיינע אלע תאוות און ווילן ווען זיך פאראייניגן אין איין גרויסן געוואלדיגן קראפט וועלכער באלייגט צו דעם „צמאה לך נפשי כמה לך בשרי", „לבי ובשרי ירננו אל א־ל חי".

דער מענטש דארף זיך צו גרייטן אז דער חופה־טאג זיינער זאל

משפיע זיין אויף אים א גייסט פון קדושה און טהרה, וועלכער זאל אים ארום רינגלען זיין גאנצן לעבן, צו זאמען מיט א ריינעם יראת שמים, וועלכער עקזיסטירט אייביג.

## ה
## אדם וחוה

מיט דעם באשאפן פון אדם מיט חוה'ן איז ערשינען אויף דער וועלט דער מין מענטש.

„וייצר ה' אלקים עפר מן האדמה", ערקלערט רש"י אויף דעם, ווארום שטייט „וייצר" מיט צוויי יודי"ן, ווייל עס קומט צו באצייכענען צוויי באשאפונגען: א באשאפונג אויף די וועלט און א באשאפונג אויף תחיית המתים. דערגעגנגעגנטייל ביי א בהמה וועלכע וועט נישט אויפשטיין אפצוגעבן א דין אויף איהרע מעשים, שטייט איבערהויפט נישט קין צוויי יודי"ן.

דער מענטשליכער קערפער באשטייט פון ערד, און ערד צו וועלכע הויכקייט מ'וועט איהם ווארפן, פאלט ער צוריק אראפ אונטן.

אין געגנטייל איז מיט דעם נפש, זי שטרעבט נאר וואס העכער און העכער, צו איהר ארגינאלע שטאמונג, צום כסא הכבוד, אין איהר נידריגע צו שטאנד שרייט זי ארויס פון די טורמע־גראטעס פון קערפער, וועלכער שליסט איהר איין אין זיין ארגאניזם: „צמאה לך נפשי כמה לך בשרי".

## ו

עס ווערט איבער געגעבן, דאס איין פראפעסר, א גאונ'ישער ערפינדער, האט צו זאמען געשטעלט דורך א צוזאמען מישונג פון פארשידענע גיוואוקסן, איין מענטשליכער גולם, וועלכער האט געלעבט, באוועגט זיך, און אלעס געטאן, אבער דער גולם איז דאך געוועזן אן א גייסט און אן נשמה. האט פאסירט נישט איין מאל, און ער איז באפאלן אויף זיין אויפשטעלער צו דער שטיקן.

„דו האסט מיר צו געשטעלט — האט געשריגן דער גולם

הענט און פיס, אויגן, און אלע מענטשליכע גלידער, בלאז מיר אויך אריין א מענטשליכע נשמה. איך בין צו שאנד און צו שפאט אין אלעמענס מיילער: „א שטיק גולם״ אזוי רופן מיר אלע. און איך זעלבסט פיל נישט קיין טעם און פארגיניגן אין מיין לעבן, אלץ איז טרוקן און מעכאניש. אן קיין דערהויבנקייט און א לעבנ׳ס געפיל. צו וואס דארף איך אזא לעבן ?...״

דער פראפעסאר דער ערפינדער האט אנערקענט אין די גערעכטי־קייט פון זיין גולם, אבער ער האט זיך געשעמט מודה צו־זיין אויף דעם אמת דאס ער איז קיין ג־ט נישט, און איז נישט אין קיין פאל בכח אריין צו בלאזן א נשמה אין זיין גולם.

דער פראפעסאר זיצט זיך אויף זיין גרויס־ארטיקן פאטעל אין זיין ארבעט־צימער, און קוקט זיך ארום אויף די ווענט וועלכע זיינען באפוצט מיט זיינע פילע דיפלאמען, וועלכע זיינען איין־געפאסט אין גאלדענע ראמען, און אונטער געחתמעט פון די גרעסטע פראפעסארן.

ער טראכט מיט טרויער און דערשלאגנ׳קייט : וואס טויג מיר די פילע כבוד און ליב וואס מיין ערפינדונג האט מיר צו געשטעלט, מיין לעבנ׳ס ווערק, וועלכע האט אזוי מפרסם גיווען מיין נאמען אין די צייטונגען אזוי ווייט אז אלע זענען מיר מקנא אויף מיין אויסער גיוועגליכען קענטעניש און פעיקייטן וועלכע באלייגען צו מיין וואונדער־בארער ערפינדונג, אין דער־צייט וועלכע איך לעב אין א שטענדיגער פחד דאס דער גולם וועלכער איך האב ערפינדעט זאל אויף שטיין אויף מיר און ערפילן זיין שטראשונג און מיר צו־טויט דערשטיקן ? און דוקא דא אין דעם וואונדער־בארן און גרויסן ארבעט־צימער וועלכער איז פול מיט אינסטרומענטן (מכשירים) און מאשינען, וועלכע האבן מיר געגעבן די מעגליכקייט צו זאמען שטעלן דעם גולם, ווערט צו־גירויבט מיין רוהיגקייט, מיין גאנצער כבוד און רייכקייט זענען צו גארנישט פאר גליכן. אין דער צייט וואס דער גולם וויל מיין לעבן צו רויבן, יעדנ׳ס מאל שטעלט ער מיר צו א אולטימאטום : „אדער דו גיבסט מיר א נשמה

אדער דו ווערסט דערשטיקט דורך מיינע הענט". און יעדן'ס מאל ווערט צו־געגעבן: דאס איז מיין לעצטע ווארנונג. עס לייגט זיך נישט אויפ'ן זינען דאס דורך די הילף פון אלע מאשינען דיינע זאלסט־דו נישט קענען א נשמה מיר געבן".

צו זיין גרויס שאנדע האט דער פראפעסאר קין אנדער ברירה נישט גיהאט, און האט זיך גימוזט א וועק זעצן נעבן זיינע מכשירים און מאשינען, און אויס פלאנעווען א פארניכטונג אקט אויף זיין גולם, בעפאר ער וועט אים פארניכטען.

ז

דער מענטש וועלכער איז דעם רבונו של עולם'ס באשאפונג, איז צוזאמען געשטעלט פון א קערפער א גולם און נשמה, און עס איז אים געגעבן געווארן פון הימל א כח צו שטארקן די נשמה אויף דעם גוף, און צו געבן די אויבער האנט דעם גייסט אויף די פלייש, און נאך מער פון דעם: ארויף צו־ברענגען זיין ערד'ישן גולם צו א הויכע מדריגה פון א לעבעדיגע שטרעבונג געפיל וועלכע שרייט: „צמאה לך נפשי כמה לך בשרי", און דער דגש איז אויף די „בשר", „אין שמחה אלא בבשר", אויב א מענטש איז זוכה אויף צו־ברייגגען זיין לייב וועלכער איז פון ערד צו־זאמען גישטעלט צו א מדריגה פון „בשר־קודש" דאס הייסט אז זיין אייגינער קערפער ווערט אזוי ווייט געהייליגט און געצויגן אויף אויבן, און זיין „גולם" ווערט פאר־וואנדלט אויף איין לעבעדיגע נשמה וועלכע שטרעבט צו זיך באהעפטן צו איר באשעפער, דאן מערט זיך די שמחה אין הימל, ווייל צו דעם צוועק איז דער מענטש באשאפן'־גיווארן, זיינע פיזישע און ערדישע נייגונגען אויף גייסט צו פאר־וואנדלען.

ווי איז מען זוכה צו דעם? נאר דורך תורה לערנען, עמלה של תורה, אין אמת'ן איז דער צוועק פון גאנצע הארעוואנע און פלפול אין די תורה, סיי אין ש"ס בבלי סיי אין ש"ס ירושלמי, אין ראשונים און אחרונים, צו ברייגגען צו א „שלחן ע׳ור", וויסן ווי זיך צו פירן

הלכה למעשה, אבער דאס מוז קומען דורך פיל מיה כדי צו וויסן וואו געפינען זיך די מקורות פון יעדן הלכה סיי אין בבלי און סיי אין ירושלמי. און אויב אויף אזא סיסטעם איז ער א „שונה הלכות בכל יום" דאן איז „מובטח לו שהוא בן העולם הבא", ווייל נאר דורך פלאג וועלכע פאר מאטערט דעם גוף איז מען זוכה צו ווערן פאר הייליגט מיט א העכערע הייליג׳קייט, און ער איז פאר זיכערט דאס ער איז א בן עולם הבא. ווייל יעדער זאך וועלכע קומט אן גרינג, גייט אוועק גרינג, און נאר דורך הארעוואנע קען מען דער־גרייכן צו טיפע שטארקע ווארצלען.

## ח

וויפל נישט צייל־בארע בלעטער גמרא איז שוין גילערנט גיווארן אין דעם יודישען פאלק, אין די ישיבות און סתם בתי מדרשים, דורך פלאם־פייער׳דיגע תורה דיסקוסיעס, דורך מתפלפל זיין מיט חברים מיט שטורעמדיגע ויכוחים מיט דונערן און בליצן קלאפנדיג אין טיש און סטענדער, און אין סאמע פון דעם שטורעם אין מיטן די מלחמתה של תורה, אין טיפסטן הארץ פון דעם פלאקער, אין דעם לומד׳ישן פלאם פייער׳דיגן ויכוח, האסטו גיקענט הערן ליבליכע ווערטער ווי: „ברכות זאלן פאלן אויף דיין קאפ, דו האסט דאך איין הארבן טעות", או־ גלייך בעטען זיי זיך איבער, און גייען נישט שלאפן איידער זיי בעטן מחילה איינער פון צווייטן.

## ט

די פלאגע און די קערפליכע יסורים וועלכע האבן ארום גינומען א אידן, אויך זיי זענען גילייטערט און גיהייליגט גיווארן דורך אזא סארט תורה׳דיגע פלפול, צום ערשטן איז גישטאנען אקשיא וועלכע איז גיגאנגען און גישטארקט־זיך: פארוואס קומט מיר אזא שטראף מיט אזעלכע שטארקע יסורים? און נאך א גוטן בארעכענען־זיך, און אסאך נישטערן אין אסאך סוגיות, ווערט אלץ רעכט, ווייל ער קומט צו א מסקנא: צוליב דעם זינד וועלכן איך האב באגיינגען

זענען דאך די יסורים נאך נישט די פולע מאס וועלכע קומט מיר.

זיי האבן אנגעהויבן מיט קושיות אויף די תורה און אויף דעם בורא־עולם, און געענדיגט מיט קושיות אויף זיך אליין.

אויב אדם הראשון — האט יעדער גיפרעגט זיך, און זיך זעלבסט געענפערט — איז אזוי שטארק באשטראפט גיווארן וועגן איין זינד פון עסן איין פרוכט, און שווערע מיליאנען מענטשן צאלן אויף דעם מיט זייער לעבן שוין א צייט פון טויזנטער יארן, הייגט וויפל און וויפל בין איך שוין ראוי אויף א שטראף איבער אזוי פיל זינד וועלכע איך האב באגיינגען, דאן קומט דער מענטש צו די מסקנה אז גערעכט איז דער פון אויבן.

י

## אדם וחוה

אדם און חוה — דער ערשטער פארפאלק אויף דער וועלט, דארף ניצן אלץ מוסטער פאר יעדער נייער פאר־פאלק אין דעם יודישן פאלק וועלכע גייט חתונה האבן, דאס זיי זאלן גוט זיך בארעכענען און טיף אריין־טראכטן אין דעם אלעס וועלכע איז בין יעצט געש־ריבן־גיווארן, ער פאל וויסן זיין אויפגאבע און צוועק אויף דער וועלט: אויף צו־שטעלן הייליגע און ריינע דורות, אויף צו־שטעלן דעם לעבן׳ס מויער אויף דעם פונדאמענט פון אונזער הייליגע תורה. דאס אלעס וואס ווערט דער־ציילט אין איר, און אלע מצוות וועלכע זי ענטהאלט, דאס זענען דער צוועק און דער תכלית פון אונזער לעבן, און וועגן דעם לעבן מיר כדי צו־לערנען און מקיים־זיין אלץ וואס ווערט דערמאנט אין די תורה, נישט אוועק צו רירן זיך פון איר ווי א האר.

ווייל נישט כדי צו־גיפינען חן אין מענטשליכע אויגן לעבן מיר אויף די וועלט. דאס דארף איינגעווארצלט ווערן אין די הערצער פון יעדן פאר־פאלק, וועלכע גרייטן זיך צו די חתונה. איך קויף נישט מיינע מלבושים כדי צו־בארימען זיך פאר יענעם, איך דינג נישט דעם חתונה זאל כדי אויס צו־נעמען אין מענטשליכע אויגן,

און כדי דער פאטאגראפיסט זאל קענען שיינע בילדער מאכן דארטן, זיך באשיינען און גרויס צן־האלטן אין זיי.

ניין און ניין, איך טו אלעס נאר צוליב דעם כבוד פון דעם בורא־עולם ית', כדי אים צו שאפן נחת, און אויפצושטעלן דורות פאר זיין דינסט.

איך קען פייערן מיין חתונה אין א הייליגן פלאץ, אין שול, וואו ס'זענען שוין פיל תפלות און אמן יהא שמיה רבה'ס געזאגט געווארן, אין א ארט וואו ס'איז שוין אויס געגאסן געווארן טויזנטער טרערן פון עלטערן אויף דעם געזונט און לעבן פון זייערע קינדער, און עס איז מקויים־געווארן אין זיי דער פסוק: „אשפוך לפניו שיחי צרתי לפניו אגיד". א פלאץ אין וועלכן ס'איז אויפגעטרייסלט געווארן אסאך אידישע הערצער הערן'דיג די פלאם פייער'דיגע שטראף ווערטער וועלכע זענען געזאגט געווארן אין די דרשות פון די רבנים און מגידים, און הערן'דיג דעם שופר־קול און די תפלות פון ימים־נוראים, באזונדער די וועלכע ווערט געזאגט ביי „כל־נדרי" און יום־כפור נאכט, ווען מען איז מתיר נדרים און מען איז מתיר צו־דאווענען מיט די עבריינים.

אפשר וועט טרעפן אויך אויף מיר די התרה אין מיין אייגענעם יום־כפור, אין מיין חופה־טאג, צו נכלל ווערן אין כלל־ישראל, אז דער זכות פון כלל־ישראל זאל מיר ביישטיין צו־שיצן אויף מיר און אויף מיינע אלע דורות, און מיר צו ראטעווען פון יעדן מכשול און פון יעדן פגע, אין מיין נייע צוקונפטיגן לעבן, און דא אין דעם מקום קדוש וועל איך מסוגל־זיין צו אויפשטעלן, דעם פונדאמענט פון מיינע צוקונפטיגע דורות.

ווייל ווי קען מען דאס דערמאנען די שבע־ברכות פון די חתונה, מיט דעם הייליגן שם הוי"ה אונטער די חופה, אין דער צייט וואס א ווילדע פריער האט מען אויף דיזען פלאץ געהוליעט און געשפרונגען און געטאן א זוינע זאכן וועלכע זענען דער היפוך פון די קדושה, און דער היפוך פון יעדן מענטשליכן געפיל וועלכע פאר שטייט דעם ווילן פון דעם רבונו של עולם.

ווייל ווי קען גיזאגט ווערן דא די ברכה „יוצר־האדם״ אויב פריער איז גיטאן גיווארן און גיזאגט גיווארן אין דעם זאל אזוינע זאכן וועלכע זיינען פוגע און צו־שמעטערן דעם מענטשליכער כבוד.

## יא

איר יונגע פארפאלק וועלכע איר שטעהט היינט פאר דעם העכסט גיהויבענעם מאמענט פון אייער לעבן, אופצובויען אערליכע שטוב אין יודישן פאלק, לייגט אין אזייט די אלע וועלטליכע זאכן, נור איין זאך זאל שטעהן פאר אייערע אויגן דערביישפיל פון אדם און חוה, — די סאמע הערליכע פערזענליכקייט פון אייער הייראטונג.

טראכט נישט פון קיין אנדערע זאך, נור וועגן דעם מאראלישן תכלית, וועלכע צוליב איהר זענט איהר באשאפן גיווארן, ווארום אלץ געהט אריבער גיך און שנעל, די גאנצע פאלשקייט און פוסטקייט וועלכע גיפינען זיך אין דער וועלט, געהן אריבער מיטן אויגן־בליק *.

---

דא וויל איך ברייגגען מיין א ארטיקל וואס איז געשטאנען אין „דאס אידישע ליכט״ אין באצוג אונזערע ווערטער :

* א בריף פון א כלה צו איהרע חבר׳טעס :

יעצט שטעה איך מיט מזל אונטער די חופה. דער גליקלאכסטער און פאראנטווארטליכסטער טאג אין מיין לעבן. דער גליקלאכסטער טאג אין לעבן פון מיינע עלטערן —— אלע גוטע פריינד ווינטש איך זיי זאלן אליין פירן די קינדער צו די חופה אין א מזל׳דיגע שעה.

די הארץ איז איבערפוהלט און זכרונות נעמען אויפשווימען אין קאפ. יוגנט־זכרונות נעמען פליהען אייגער נאך די אנדערע זינט איך בין געקומען צום שכל, פון די קינדערישע יאהרן. הוי, איך נעם זיך דערמאנען וויפיל צרות אוןליידן האבן זיך מיינע עלטערן אנגעליטן פון מיר. געפאקט און געמאזלט, געהוסט און געכריפעט, געפיבערט און געבראכן, און שלאף־לאזע נעכט זענען אריבער אויף די אויסגעהארוועטע עלטערן צוליב מיר נארישע מיידל וואס האט זיי באצאהלט דערפאר מיט קאפריזנע פאדערונגען און נערוועזע פערלאנגען. ווי חוצפה׳דיק בין איך געווען אנטקעגן זיי, און די ארימע עלטערן האבן פארדעקט אויף דאס אלעס, שא־שטיל !

שטעהענדיג אונטער די חופה געהט דורך מיין פארגאנגענהייט ווי א

פילעם וואו איך זעה פיהל וואונדן און פלעקן אויף מיין יונגע נשמה. וויפיל קריאת־שמע׳ס און ברכת־המזון׳ס האב איך פארפעהלט, ווען דער טאטע האט נישט געמערקט; וויפיל מאהל בין איך אין כעס געווארן און געלאזט הפקר מיין צונג אויפן חשבון פון פיינע שטילע עלטערן וועלכע האבן עס אויפגענומען ווי ביטערע פילן אראפשלינגענדיג און אפגעווישט די ליפן. און דאס נאך א טאג הארוועט מיטן ביטערן שווייס פאר מיר מ׳זאל מיר צושטעלן אלעס וואס איך פארלאנג. הוי, וואס האבן זיי נישט געטהון פאר מיר, און וואס האב איך יא געטהון פאר זיי — א אונמענטש געוועהן . . .

טרערן נעמען זיך גיסן פון מיינע אויגן ווען איך דערמאן זיך דאס אלעס, זעהענדיג מיינע עלטערן ווי זיי שיינען באטראכטנדיג זייער קינד די כלה אונטער די חופה נאך אזויפיל הארוואניע־יאהרן. אבער די טרערן ערוועקן אין מיר אז איך מוז עפעס טהון צו פארריכטן און תשובה טהון ווי עס פאסט פאר א אידישע טאכטער איך איהר חופה־טאג. האב איך באשלאסן, צוזאמענקלייבן אט די אלע הייסע טרערן וואס פליסן פון מיר, מאכן פון זיי טינט און שרייבן א בריף צו מיינע חבר׳טעס, די יונגערע פון מיר וואס געפינען זיך נאך אין זייער סאמע יוגנטליכן מיידלישן נארישן געלויף נאכן גאנגבארן פאלשן גלאנץ פון דער וועלט. אט פאר זיי וויל איך זאגן א פאר ווערטער.

— פארוואס איז מיר קיינמאהל נישט איינגעפאלן מיינע ליבע עלטערן צו זאגן: פארוואס הארוועט איהר אזוי שווער און ביטער? איהר מעגט זיך אמאהל אויסרוהען אייערע שוואכע פארמאטערטע ביינער? אדרבה, פארט אמאהל ארויס אויף א צוויי וואכן אויף לופט — פאר וואס טראכט איהר נאר וועגן מיר און נישט וועגן אייך? פאר וואס זוכט איהר נאר מיין טובה, מיין גליק, מיין צוקונפט, איהר ווילט האבן א געזונדע קינד — פאר וואס זאל איך נישט וועלן האבן געזונדע טאטע־מאמע? אפילו להבדיל א בהמה היט מען דאך אויך זי זאל זיין געזונד און געבן מילאך, פאר וואס בין איך אזוי פארשיכורט געווען און אזא איינפאכע זאך נישט פארשטאנען. הוי, איך האב געזינדיגט געגן אייך, מיין נארישער עגאאיזם האט מיר פארפיהרט. יעצט ביי די חופה דערמאן איך זיך ווי מיין גאנצער גאנג איז געוועהן בלויז איך זאל אויסזעהן שעהן און מיין גאנצער רעדן בלויז איך זאל מאכן א איינדרוק פון א קלוגע, און אזוי ארום קענען צוקומען צו א גוטן שידוך. יעצט זעה איך אז געווארן איז דער שידוך נישט צוליב מיין שיינקייט נישט צוליב מיין קלוגשאפט — אזוי האט באשטימט דער וועלט־באשעפער! ווייל מיינע עלטערן האבן מתפלל געוועהן אז השי״ת זאל זיי העלפן מיט א אידים א תלמיד חכם און ביי אונזער טאכטער אין שטוב זאל זיך הערן א קול תורה.

און דער שידוך איז געווארן, און די עלטערן פון ביידע זייטן האבן זיך צוזאמענגערעדט אז די חתונה זאל נישט פארקומען אין א האטעל, און אפשר זאל מען עס גאר מאכן פרייטיק כדי וואס ווייניגער אויסגאבן זאל זיי קאסטן, און מעבל נישט פון די טייערסטע, און מ׳זאל צוניצן דערויף די געלד פון די דרשה־געשאנק פון ביידע צדדים — אלעס כדי

לערנט זיך פון די פראקטיק פון אדם־הראשון און זיינע דורות, און פון די גרייזן וועלכע זענען גיטאן גיווארן פון דאן ביז איצט. ביטע, חזר'ט נישט איבער אויף דיזע גרייזן, און זייט נישט חס ושלום צווישן די וועלכע אויף זיי ווערט גיזאגט „ורשעים הללו ראו ולא לקחו מוסר", מוסר איז איין טורמע פאר דעם יצר הרע, און מיט זיין ארעסט ווערט אפן די וועג צום גן עדן.

אויב איהר האט צופעליק נישט גימאכט דיזן חשבון הנפש אין אייער חופה־טאג, טוט דאס יעצט, ווייל יעדער סעקונדע פון התעוררות צו תשובה, איז א בחינה פון יום־כפור, און דער חופה־טאג אייערער וועלכער איז א טאג פון סליחה וכפרה, איז אויך א טאג פון ליבשאפט אחוה וריעות.

נישט צודריקן אויף די עלטערן וואס האבן זיך אזוי מוסר נפש געווען ביז זיי האבן צוגעברייגנט די פאר פאלק צום יעצטיגן שטאנד.

ווען די מוטער האט מיר אפגעשארן די האר, ווער קען זיך פארשטעלן איהר שמחה וואס זי האט געשפירט. איך אליין האב געשפירט אז מיט יעדן האר וואס מען שערט מיר אפ — שערט זיך אפ אביסל מיידלישע נארעשקייטן. וויפיל פוץ און גאלד לייגט מען אריין אין דעם. מיט איין שעה פאלט עס אראפ. אויב איהר ווילט איז דאס דער גאנצער מענטש, וויפיל כחות, גאלד און ענערגי לייגט מען אין דעם גוף און זיינע קליידער און אלע באדערפענישן, און פאר די קליידער א שעהנע שראנק און פאר די שראנק א שעהנע דירה. און כדי דאס אלעס צו עררייכן, דאס הייסט כדי צו באפרידיקן אט דעם קערפער — וויפיל מארדעוועט מען אוים אט דעם קערפער ממש מיט אכזריות 12—14 שעה אין מעת־לעת אז מען פארלירט שוין דעם גאנצן טעם אין לעבן.

מיינע טייערע חבר'טעס, פטר'ט נישט אייער צייט אויף נארעשקייטן וואס ווארפן צו גרונד דעם מענטש נישט נאר אויף יענע וועלט, אויך אויף דער וועלט!

איך דאנק ג־ט וואס איך בין כאטש געקומען צום שכל, צום אידישן ארגינעלן באגריף אויפן לעבן, הלוואי וואלט איך עס פריער פארשטאנען וויפיל צרות און ליידן וואלט איך איינגעשפארט מיינע טייערע פאר־הארעוועטע עלטערן!

געדיינקט וואס זאגט אייך א כלה אין א ערנסטן מאמענט אונטער די חופה. די טרערן צו־ווייקן דעם שריפט, טרערן וואס וואשן מיינע מיידלע־רישע פלעקן און זינד געגן די עלטערן. הלוואי איהר זאלט מער שכל האבן און ביי די פריערדיגע יאהרן שוין פארשטיין וואס אנדערע פארשטייען צו שפעט...

געדיינקט, די קדושה פון גן עדן און חס וחלילה די געגען טייל די טומאה פון גיהנום שטעהט פאר אייך, די בחירה איז אין אייערע הענט, ובחרת בחיים.

## יב

## מענטש און חיה

עס איז נישט דא אין דער וועלט נאך אזא ווילדע חיה ווי א ענטווישטער מענטש. אויב עס האנדלט־זיך וועגן גישעפטס פראַ־בלעמען — קען מען נאך אויף א גרינגן אופן ערליידיגן די זאך, איבערהויפט ווען מ׳איז גרייט צו פארציכטן אויף געלד. אבער אויב עס האנדלט־זיך וועגן פארהייראט ווערן, און דער מענטש איז געבליבן ענטווישט נאך די ווערטער „הרי את מקודשת לי״ וועלכע זענען געזאגט געווארן אין גרויס עפענטליכקייט און פראכט־פוהלע שיינקייט, און די זאכן האבן דערגרייכט ביז דעם גט־כריתות, מיט זיינע אלע זיבן מדורי גיהנום פון לייטן׳ס מיילער, וועלכער יעדער זאגט וואס עס גייט איהם ארוף אויף דעם הארצן, מיט פילע־פילע פארשעמונגען און באליידיגונגען — איז דאך די זאך פינסטער און ביטער זיבן מאל אזוי פיל.

און נאך אלעס קען מען נישט וויסן ווי אזוי דער צווייטער זיווג וועט זיין.

אלזא איז דאך פיל בעסער און שענער זיך פון פאראויס צו־בארעכענען, רעדן און עצות פרעגן פון מענטשן וועלכע האבן לעבן׳ס פראקטיק, און נישט אין אכט נעמען עצות פון יונגע מענער אדער יונגע פרויען, וועלכע האבן נאך נישט קיין ערפארונג אין לעבן.

## יג

ראשית חכמה, און די ערשטע סגולה איז גוט מתפלל־צו־זיין פאר דעם וועלט באשעפער, ווייל ער ווייסט־דאך דעם אמת, און ער איז

דער וועלכער באפעסטיגט דעם מענטשן'ס טריט. [אין ספר קדושה פרק ב' איז מסודר א תפלה צו עררייכן א פיינעם זיווג. און אלס זאל כשורה גיין ווי דער ווילן פון הקב"ה].

צווייטנס, טאר א מענטש זיך נישט פארלאזן אויף זיך אליין, אפילו ווען ער איז קלוג, ווייל קלוגשאפט אן פראקטיק איז נאר א האלבע זאך, און אפילו ער האט שוין פראקטיק, מוז ער האבן דעם פולן בטחון אין רבוש"ע, ווי דער פסוק זאגט: „בטח אל ה' בכל לבך ואל בינתך אל תשען".

דריטנס, ווען מען גיהט וועגן א שידוך זיך משתדל זיין טאר מען זיך נישט צופיל באפוצן סיי אינערליך און סיי אויסערליך, נאר מען דארף זיך באציען מיט א נארמאלע צוגאנג צום צווייטן זייט, נישט צו איבער ראשט ווערן פון א שיינע שפראך מיט מאדערנע און אינטליגענטע ווערטער, וועלכע זענען געבארגטע און פרעמדע. מען טאר אויך נישט באצויבערט ווערן פון שיינע מעבל, און טאפעטן (מעגליך אז דאס אלעס איז פון געבארגטע געלד), און מען ענטשולדיגט זיך נאך אז דאס איז נאך נישט אלעס, ס'וועט נאך קומען די אנדערע טיילן און דער קאמפלעט וועט זיין גאנץ.

אויך טאר מען נישט באאיינפלוסט ווערן פון שיינע יחוסים פון די זיידעס פון די פאמיליע, מען רעדט פון די זיידעס און פון די באבעס, אבער מען דארף גידיינקען דאס נישט מיט זיי געהט מען הייראטן. פאר די חתן כלה געהן זיך טרעפן, דארפן זיי זיך זעלבסט אפשאצן, אבער נישט איבער די מאס. זיי דארפן זיך גוט קלאר מאכן וואס זיי ווילן און צו וואס זיי שטרעבן, ווייל א צו גרויסע שוך קען ברייגנען ליידן נישט ווייניגער ווי א צו קליינער שוך.

יד

מען דארף זיך גוט אינטערעסירן און זיך נאך פרעגן אויף דעם צוקונפטיגן שותף אדער שותפ'טע אין לעבן, אזוי ווי עס איז גוט

ערקלערט אין ספר חפץ חיים הלכות איסורי לשון הרע כלל ד׳ סעיף י״א, און אין ספר עקרי דינים הלכות איסורי לשון הרע כלל ד׳ סעיף ל״ה, (ועיין עוד בחפץ חיים הלכות איסורי רכילות כלל ט׳ ציור שלישי בענין שידוכים).

דער מענטש איז געגליכן צו נישט געלייטערטע גאלד וועלכער איז אויס גימישט מיט ערד, און מען דארף איהם לייטערן און רייניקן.

דארף מען אלזא וויסן וויפל יענער האט געארבעט אויף זיך, זיך לייטערן און רייניקן, וויפל ערציהונג האבן זיינע עלטערן און לערערס אין איהם אריין גילייגט, און וויפל האט ער מקבל גיווען, דאן וועט נישט זיין קיין ארט אויף קיין טעות, און נישט קיין פלאץ אויף ענטוישונג, ווייל דער וועלכער ארבייט אויף זיך איז אימער פארנומען, ער האט נישט קיין צייט צו־טראכטן אויף אנדערע, ער האט ביי זיך אפגעמאכט דאס ער מוז זיין אזא מענטש וועלכער איז פאסיג צו דעם נאמען מענטש.

## טו
## ויפח באפיו נשמת חיים

אין דעם הייליגן ספר הזוהר שטעהט דאס דער רבוש״ע האט איינגיפלאנצט אין דעם מענטשן אלע ווילדע און גימיינע מידות פון די חיה, און דעם מענטשן׳ס אויפגאבע איז איבערצוקערן אט דעם „חיות גארטן״ וועלכער גיפינט זיך אין איהם צו איידעלען שיינעם גארטן, דורך איינצוימען זיינע מידות.

## טז

ווען דו קומסט קאנטראלירן און זוכן די גוטע מעלות ביים צווייטן זייט, דארפסטו פאר אלס, זוכן און פארשטן ביי דיר אליין ביז ווי ווייט דו האסט זיך געלייטערט און רייין גיוואשן. פארלאז זיך נישט אויף דעם וואס פאטער און מוטער זאגן אויף דיר. וויסן דארפסטו דאס דו געהסט יעצט אנהייבן א בשותפות׳דיגן לעבן מיט א

צווייטן מענטש, וועלכער איז דערוויייל פרעמד פאר דיר, און פרעמדע מענטשן זיינען נישט מוחל אויף יעדער מידה וועלכע איז נישט גילייטערט און אויסגיבעסערט ווי גיהעריג איז, נאר אזעלכע מידות וועלכע זענען געלייטערט און אויסגעבעסערט גיווארן ווי עס באדארף צו זיין, זיינען זוכה עס זאל מיט איין הייליגן סטעמפל גיזיגילט ווערן. אזוי ווי די פעל פון איין בהמה ווען מען ארבייט איהר אויס לשמה, אין געדאנק און אין מעשה, מען ווייקט דאס מיט געוויסע כימישע מאטריאלן, מען קראצט אראפ פון איהר די האר, און נאך פארשידנס, נאר דאן ווערט דאס אלס פארמעט אויף וועלכען מען שרייבט א ספר תורה, וואס דאס איז דאך די ערשטע און הייליגסטע זאך ביי אידן.

## יז

ווען איין ציין דאקטער געהט צו צו מאכן איין בלאמבע אין א קריינקן צאהן, מוז ער פריער רייניגן און היילן דעם צאהן, און נאר דאן פיהלט ער אן דעם צאהן מיט א בלאמבע, ווייל ווען ער וואלט די בלאמבע אין צאהן אריין גילייגט פאר ער האט איהם גיהיילט, וואלט דער פנים גישוואלן גיווארן, און דער גאנצער קערפער וואלט אין א סכנה גיוועזן, אזוי וויא דער נביא זאגט „נירו לכם ניר ואל תזרעו אל קוצים" [ירמיה ד'].

טייערער פריינד! זיי זיך משתדל דיין אייגענעם נפש און דיין זון'ס נפש אויסצוהיילן, איין ריכטיגן און גרונדליכן אויסהיילונג, נישט נאר פאר לייטן'ס וועגן, ווייל צום ענד'ע וועט דיר קיינעם נישט גילונגען אפצונארן, און נאר דו און דיין זון וועלן בלייבן אפגינארט.

## יח

איך האב אמאל זיך גיטראפן מיט א מענטש וועלכער איז גיוועזן פאראלעזירט אויף געוויסע טיילן פון זיין קערפער רח"ל, וועלכער איז גיגאנגען מיט די הילף פון א באזונדערן וואגן, דער מענטש איז גיוועזן פארשטאנדיג און גילערינט אין אלע אינזיכטן,

מיט גוטע מידות, באזונדער האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט די מידה פון געדולד, ער איז גיווען זייער פעהיג, און געפירט א גרויס געשעפט.

שטענדיג האב איך זיך גיוואונדערט איבער דעם, ווי קען אזא מענטש אזוי פעהיג זיך איינהארדענען, א זאך וואס איז א וואונדער גיווען אויך ביי גיזונטע מענטשן? ביז זיין עלטערן'ס שכן האט מיר דערציילט — און אויך ער זעלבסט האט עס מיר באשטעטיגט — זיין וואונדערבארער דערציילונג וועגן דעם ערציהונג וועלכן זיינע עלטערן האבן איהם ערצויגן אין זיין יוגנט.

זיינע עלטערן זענען געווען פארמעגליכע מענטשן, פרנסה האט זיי קיינמאל נישט געפעלט, קיין דינסטן האבן אויך ביי זיי אין שטוב נישט געפעלט. דאך האבן זיי פאר זייער קריינקן זון געדונגען א באזונדער צימער, און זיי האבן איהם נישט גילאזט אריין געהן צו זיי אין שטוב.

מענטשן פון דרויסן האבן אריין גיקוקט דורך זיין צימער פענסטער, און האבן גיזעהן ווי דער קריכט אויף אלע פיהר, און קאכט זיך אליין זיין עסן, וואשט זיינע כלים, בעט זיך אליין אויס זיין בעט, און טוהט די אלע ארבייטן מיט פיהל מיה און שוויס. פלעגן די מענטשן באדויערן דעם שווערן שיקזאל פון דעם קריינקן און אומגליקליכען קינד, און עס האט זיי זייער פארדאסן אויף די עלטערן וועלכע באגעהען זיך מיט אזא אכזריות צו זייער קריינקן קינד.

„איך האב אמאל געפרעגט דעם קינד'ס מוטער — האט דער מענטש צוגעלייגט — פארוואס זי פירט זיך אזוי מיט איהר קינד, איהם אזוי צופייניגן און אומזיסט צומוטשען, וואס דאס ברענגט מענטשן צו בארעדן אזא ברוטאלישע פירונג, אין די צייט וואס זי וואלט איהם גיקענט האלטן אין שטוב, און די שטוב העלפער'ס וואלטן איהם באדינט, און וואלטן איהם צוגיגרייט אלע זיינע באדערפענישן?"

„דו דארפסט פארשטיין — האט די מוטער געענטפערט — אז נישט אייביג וועלן מיר לעבן, און נישט שטענדיג וועלן שטעהן גרייט צו זיין דינסט דינער, איהם צו־באדינען און באזארגן מיט אלעס. אונזער דאגה פאר זיין צוקונפט האט אונז גיברייגגט צו דיזן פירונג וועלכען מיר פירן זיך מיט איהם, וייל ווען מיר וועלן זיך מיט די וועלט שיידן, ווער וועט פאר איהם זארגן (וועגן עסן, אנטאן א.א.ו.), דערפאר ווילן מיר דאס ער זאל יעצט זיך אויס־לערנען אלס צוטאן אליין, אזוי ארום ווען די פאר־אויס־גיזועהענע צייט וועט קומען זאל ער נישט פאלן צו לאסט אויף די פלייצעס פון דערבארעמדיגע מענטשן".

## יט

דעם שווערסטן טעם אין לעבן נאך די חתונה פילט דער בן־יחיד, דער זון וועמען די עלטערן האבן זייער נאכגעגעבן פון זיין יוגנט אן, ער מוז זיך דאן אנפאנגען מחנך זיין, אזוי ווי מ'פאנגט אן מחנך זיין די קינדער פון גארטן. ער ביי זיין פרוי, אדער זי ביי איר מאן, ביי די עלטערן פון דעם צווייטן צד אין א פרעמדן געגנט.

ווי שווער איז עס פארן מענטש אין דעם עלטער צו ענדערן זיינע נאטורן נאכדעם וואס ער איז שוין אזוי איינגעוואוינט אין זיי, פונקט אזוי ווי ס'איז שווער צו אויסהאקן שטיינער און אויסארבעטן וועגן צווישן שטיינערנע בערג.

דאן וועט ער טראכטן מיט פארדרוס פארוואס זיינע עלטערן האבן אים נישט געגעבן דעם ריכטיגן חינוך אין די ריכטיגע פאסיגע צייט. די גאנצע שולד וועט ער ווארפן אויף זיינע עלטערן.

## כ
## שלום בית מיט זיך אליין

דער שלום־בית פאנגט זיך נישט אן אין א שטוב פון האלץ און שטיינער, צווישן מאן און פרוי. נאר ביי דעם מענטש מיט זיך אליין.

די ערשטע זאך דארף דער מענטש ארויף לייגן א צוים אויף די שלעכטע זיטן וועלכע עקזיסטירן אין אים. וואס זענען געגליכן צו די זיטן פון א חיה, זי זאל נישט פארצוקן מיט איר מויל, זאל נישט צוטרעטן מענטשן מיט אירע גיפטיגע נעגל, זאל נישט שטויסן די וועלט מיט אירע הערנער.

## כא

אין א וואלד וואו ס׳געפינען זיך ווילדע חיות קען מען נישט אויפשטעלן קיין ישוב פון מענטשן נאר דאן ווען מ׳וועט אויסהאקן די אלע ווילדע בוימער, פארטרייבן אלע חיות וואס פארצוקן. אזוי איז אויך מיט דעם קינד וואס איז נישט ערצויגן. ביז ווי לאנג די עלטערן האבן נישט אויסגעריסן פון אים זיינע ווילדע זיטן, קענען נישט די עלטערן ארויסשיקן אים אויף די גרויסע וועלט צו הייראטן מיט א פרוי, דען דורך די שלעכטע מידות וואס זענען נאך איינגעווארצלט אין אים קען ער ברענגען א אומגליק פאר זיין פרוי און משפחה.

די עלטערן און אויך די לערערס פון קינד דארפן וויסן און פילן די גרויסע אחריות וואס זיי נעמען אויף זיך מיט דעם וואס זיי ברענגען אונטער די חופה א קינד וואס איז נישט ערצויגן געווארן ווי געהעריג.

אפילו ווען דער זון קען זיך ביים אנפאנג אביסל פארשטעלן דורך דערציילן דעם יחוס פון זיידע, באבע. און גלייכצייטיג אויך מיט אנשטענדיגע קליידער און שיינע ווערטער. אבער לאנג קען דער שפיל נישט דויערן, באלד נאך די חתונה ווייזט זיך ארויס די אלע שלעכטע זיטן וואס זענען ביז יעצט געווען פארהוילן. פארשטייט זיך אז זיין פרוי איז אומגליקליך און אויך ער אליין.

קיין גוטס וועלן די עלטערן אויף זיך דאדורך נישט ברענגען, דער צווייטער צד וועט זיי קיינמאל נישט מוחל זיין אויף זייער שולד וואס זיי האבן דורכדעם געברענגט אומגליק פאר א אומ־שולדיגע.

## כב

עס ווערט דערציילט אויף א הירש וועלכער איז געלאפן אין א געדיכטן וואלד, לויפנדיג האט ער זיך פארטשעפעט מיט זיינע הערנער אין א צווייג פון א בוים, און זיך נישט געקענט ארוס־דרייען פון אים. דער הירש האט געטראכט אין זיין פארלעגנהייט ווי ער קען זיך ראטוועו פון די שטרויכלונגען פון וואלד. ביז ס'איז אים איינגעפאלן א עצה צו אויסרייסן אלע בוימער דאן וועט ער קענען רוהיג דורכגיין דעם וואלד.

דער הירש האט באלד זיך גענומען צו די ארבעט. אנגעפאנגען קלאפן מיט די פיס און שטויסן מיט זיינע הערנער, די געדיכטע וואלד בוימער. ביז איינער איז דורכגעגאנגען און זעענדיג דאס, האט ער צו אים געזאגט: אומזיסט דיין ארבעט, דיינע אלע כוחות און לעבנ'ס טעג וועלן דיר נישט גענוג זיין צו אויסהאקן דעם גאנצן וואלד. נאר איין זאך וואס דו קענסט טאן, האק אראפ דיינע הערנער וועסטו קענען בשלום דורכגיין דעם וואלד.

דאס זעלבע איז אויך מיטן מענטש ווי לאנג ער וועט נישט איינזען זיינע אייגענע פעלער און טראכטן זיי צו פארבעסערן, וועט אים נישט העלפן וואס ער וועט ארויף לייגן די שולד אויפן צווייטן.

ליידער זענען דא מענטשן וואס זענען גייסטליך זעהר נידריג, די איינציגע זאך וואס זיי פארמאגן איז א שארפע צונג און שטעכעדיגע הערנער, וואס ווייסן צו שטעכן, שפאטן און דערנידריגן דעם צווייטן. אזוי מיינען זיי וועלן זיי קענען אריבער גיין רוהיג זייער לעבן, אן א טראכט צו געבן אביסל וועגן זיך. די מענטשן זענען ווי איינער וואס שווימט אויפן וואסער און זוכט זיך צו ראטעווען דורכן קלאפן אויף רעכט'ס און לינק'ס.

פון דרויסן זעהען זיי אויס אפשר פרייליך און גליקליך, אבער אין אמת'ן זענען זיי געגליכן צו א צובראכענעם שארבן וואס יעדערווארפט עס אין מיסט.

## כג

מ׳דערציילט אויף א חיה וואס דער קול פון אירע טריט הערט זיך ווייט. ווען די חיה אליין הערט דעם קול פאנגט זי אן צו אנטלויפן, דען זי ווייסט נישט אז דער קול קומט פון אירע אייגענע פיס, זי האט נאר מורא פון דעם רעש וואס זי הערט אז מ׳קומט איר פאנגען, אזוי קומט אויס אז זי האט קיינמאל נישט קיין מנוחה, דען שטענדיג אנטלויפט זי פון זיך אליין. די זעלבע איז אויך מיטן מענטש וואס לייגט ארויף די שולד פון זיינע אייגענע צרות אויף אנדערע, אן צו טראכטן אז ער אליין איז גאר שולדיג אין דעם אלעס וואס קומט אויף אים, צוליב זיינע שלעכטע מעשים.

פיינע און אנשטענדיגע מענטשן אבער באשולדיגן זיך אליין, זיי זוכן שטענדיג צו פארבעסערן זייערע פעלער, אזוי קענען זיי זיך דערנענטערן צו גייסטליכע דערהויבונג. יעדע געלעגנהייט ווערט אויסגעניצט ביי זיי, זיי מאכן פשוט איבער פון בלאטע צו גאלד.

אין געגנטייל זענען דא מענטשן וואס זוכן נישט זייערע אייגענע פעלערן, זיי זוכן נאר יענעמס. פון דעם חבר׳ס גוטע זאכן, מאכן זיי שלעכטע. אזעלכע מענטשן צושטערן דעם שטילן משפחה לעבן.

## כד

א קעניג האט אמאל געהאט א וואונדער שיינע לאנדקארטע (מפה), דורך די לאנדקארטע האט מען געקענט דערקענען קלאר אלע גרויסע און קליינע שטעט, שטעטלאך, דערפער און אפילו די קלענסטע בריקן. מיט די הילף פון די לאנדקארט האט דער קעניג געקענט זייער לייכט באזיגן די מלחמות וואס ער האט געהאט מיט פארשידענע מדינות. זעלבסט פארשטענדליך אז דאס איז געווען זעהר טייער ביים קעניג, ער האט עס געהיט אזוי ווי אויף דאס שווארץ־אפל פון אויג.

פאסירט און דער בן מלך האט גענומען די לאנדקארט, געשפילט מיט דעם אזוי לאנג, ביז ער האט עס צוריסן אויף גאנץ קליינע

שטיקלאך. דער צער פון קעניג איז געווען אומבאשרייבליך גרויס. דער קינד זעענדיג וויפל צער דאס האט פארשאפט דעם טאטן, האט צוגעזאגט צו צוקלעפן יעדע שטיקל פאפיר פון די לאנדקארט, דאס צוריק גאנץ מאכן ווי פריער, ס'וועט אין איר גארנישט פעלן.

דער קינד האט מקיים געווען זיין צוזאג, ער האט פיל געארבייט, ביז ער האט געברענגט דעם פאטער א גאנצע לאנדקארט. אפילו איין קליין פינטאלע האט דארט נישט געפעלט. דער קעניג איז זייער פארוואונדערט געווארן און געפרעגט: זאג מיר נאר מיין קינד ווער האט דיר אויסגעלערנט אזא חכמה און קונץ צו קענען אזוי ריכטיג און פונקטליך אלעס צוזאמען שטעלן? האט דער קינד געענטפערט: איך האב געזען אויף די צווייטע זייט פון די לאנדקארט איז געמא־לעוועט א צורה פון א מענטש, האב איך געטראכט איך וועל נאר קוקן אויף די זייט, צוזאמען שטעלן ריכטיג דעם מענטש במילא וועט דאך אויך די צווייטע זייט פונקטליך גאנץ ווערן אזוי ווי פריער.

אזוי מיין טייערער, די לאנדקארט פון די וועלט, פון פאמיליע און לעבן איז צושטערט און צוריסן, צוריק גאנץ מאכן די וועלט אויף אירע צובראכנקייטן וועלן מיר נישט קענען. וואס מיר קענען און דארפן טאן איז, צו גאנץ מאכן דעם מענטש, ד.ה. אויסהיילן אים אין גייסטיגן זין, דורך פארבעסערן די מדות, דאס וועט ברענגען גאנצקייט פאר די וועלט, דאס פאמיליען לעבן אויף אלע אירע צובראכנקייטן וועט גאנץ ווערן.

דאס איז דער איינציגער וועג מיינע טייערע, לכו בה גייט אין איר אין דעם וועג.

## כה

## די גייסטיגע דיאגנאז און היילונג

מיר ווייסן אז אין דעם מעדעצינישן באדן איז דא קלארע אנווייזונגען ווי ס'דארף אויסזען דער אינערליכער געבוי פון מענטש, מיט אלע זיינע איינצעלהייטן. ווען דער קראנקער קומט צום דאקטער זיך היילן, וועט דער ד"ר נישט קוקן אויף זיינע שיינע קליידער,

דאס אלעס האט גאר קיין ווערד נישט, אין די צייט ווען מ'דארף היילן די קראנקייט. די ערשטע און וויכטיגע זאך וואס ווערט באלד געטאן איז, צו אונטערזוכן דעם חולה דורך פארשידענע פראבעס ווי: בלוט פראבע, צוקער פראבע, רענטגען א.ד.ג. (פארשטייט זיך אז די פראבעס מאשינען קען דער מענטש נישט אפנארן). ביז ס'ווערט באשטעטיגט וואס די קראנקייט איז. דאן קען דער ד"ר געבן די פאסיגע מעדעצינען. וואס מער דער ד"ר איז מצליח צו באשטעטיגן די קראנקייט אלס ווערט זיין נאמען גרעסער און מפורסם. אלס מער פאציענטן באזוכן אים. נישט קוקנדיג אויף זייער געלט, צייט און ווייטקייט. דאס אלעס איז ביי פיזישע פראבלעמען.

אויך פאר גייסטיגע פראבלעמען זענען דא מיטלען זיי צו אויסהיילן, אויך מענטשן וואס קענען היילן, דאס זענען די מענטשן וואס זוכן דעם אמת און גלייכקייט.

ליידער איז אבער פונקט פארקערט ווען ס'קומט צו דעם גייסטיגן פראבלעם, מענטשן וואס דארפן זיך היילן אין דעם זין, וועלן אנטלויפן וואס ווייטער און שנעלער פון די פערזענליכקייטן וואס דערקענען זייערע שוואכקייטן.

מענטשן לאזן זיך קאסטן א סך געלד פארנדיג מיט די לופט ווענן היילן זיך — ביי גייסטיגע קרענק איז פארקערט מ'אנטלויפט אין צווייטן עק וועלט פון דעם וואס קען זייערע פעלערן.

## כז

דאס איז איינע פון די סיבות וואס ברענגען צו א צושטערטן פאמיליע לעבן אז ס'דערגרייכט טיילמאל ביז שיידן זיך.

דער מענטש וואס זיינע עלטערן האבן אים פון פריסטן יוגנט נישט ערצויגן ווי ס'באדארף צו זיין, נאר פארקערט, גערימט אים אויף א זאך וואס איז נישט פאסיג צו טאן אנשטאט צו אויסרעדן אים אויף דעם, אזא מענטש האט נישט ליב צו לעבן מיט א צווייטן וואס דערקענט אין זיינע פעלערן און גלייכצייטיג וויל ער אים אויך פארבעסערן.

איז גאר קיין עצה פאר אזא מענטש נישט דא? אויך פאר אים איז דא מעגליכקייטן זיך צו בעסערן.

דער מענטש איז אויסגעמישט מיט גוטס און שלעכט׳ס צוזאמען. די אויפגאבע פון מענטש איז צו גוט מאכן דאס שלעכט׳ס פונקט אזוי ווי מ׳רייניגט די גאלד פון ערד. דאס ערשטע ליגט אויף די עלטער׳ן פון קינד צו אנפאנגען אין די ארבעט, ווען דער קינד ווערט עלטער איז די אויפגאבע אויף אים ווייטער און ווייטער צו רייניגן. אויך דאן אבער ווען די עלטערן האבן עס נישט געטאן אין זיין יוגנט, איז דער מענטש אויך נישט קיין פארלארענער.

ער דארף ווען און אנפאנגען טאקע צוזאמען מיט זיין בת זוג אין די ארבעט, דורך איינזען איינער דעם צווייטנ׳ס פעלערן. און וויסן ווען און ווי אזוי דאס צו אויסבעסערן.

## כז

אויסער די מעגליכקייט פון שטוב איז דא נאך אסאך מעגליכקייטן היינט וואס דער מענטש קען זיך דערהויבן. דורך די משגיחים און מוסר שמועסן וואס זענען אין די ישיבות. אויך אין די פרומע ערציהונג׳ס הייזער פאר מיידלאך לערנט מען ווי א מענטש דארף אויסזען, און ווי מ׳קען צוקומען צו דעם. אויסער דעם קען מען פיל לערנען ווען מ׳איז צוזאמען איינער מיטן צווייטן. ווי דוד המלך לערנט אונז „מכל מלמדי השכלתי״, איך קליג זיך פון אלע וואס לערנען מיר.

## כח

עס קען זיין נאך א סיבה וואס קען ברענגען צו צושטער׳ן דעם שלום בית. ווען אין שטוב זענען דא שטיף קינדער און אויך אייגענע קינדער. דער שטיף פאטער אדער שטיף מוטער מאכן אונטערשיידן צווישן די אייגענע קינדער און שטיף קינדער.

מ׳דערציילט אויף א פאטער וואס האט געהאט אייגענע קינדער און אויך שטיף קינדער, פלעגט זיך אזוי פירן: ווען מ׳האט געהערט

א בליץ אדער א דונער האט ער גערופן די שטיף קינדער און געזאגט: טייערע קינדערלאך מאכט א ברכה אויף דעם בליץ און דונער. ווען מ'האט געברענגט גוטע פרוכט צום טיש האט ער גערופן נאר זיינע אייגענע קינדער און געזאגט: מיינע קינדער מאכט א ברכה און געניסט פון די גוטע פרוכט...

## כט
## שעצן איינער דעם צווייטן

איינע פון די וויכטיגע און הויפט יסודות צום שלום בית איז, צו שעצן און אפגעבן כבוד איינער פארן צווייטן. ער פאר איר און זי פאר אים.

שטייט געשריבן אין רמב"ם (הלכות אישות פרק טו) יכבד את אשתו יותר מגופו ואוהבה כגופו וכו' — דער מאן זאל מכבד זיין זיין פרוי מער ווי זיך אליין, און ליב האבן די פרוי ווי זיך אליין. און אויך אויף די פרוי איז באפוילן געווארן, שתהיה מכבדת את בעלה ביותר מדאי וכו' — די פרוי זאל מכבד זיין דעם מאן איבער די מאס. און זאל דערווייטערן אלעס וואס ער האט פיינט.

דאס איז דער וועג פון אידישע זין און טעכטער זיך צו פירן, דורך דעם וועג וועט זיין זייער לעבן שיין און אנגענעם.

יעדער האט אין זיך מעלות (גוטע אייגנשאפטן) און גוטע זאכן וואס ער האט געטאן. געוויינליך ווייסט דער מענטש די אייגנשאפטן וואס ער פארמאגט אין זיך און האט ליב דאס צו דערציילן פאר אנדערע, אמאל מער ווי די מאס אמאל ווייניגער, אזוי איז דער נאטור פון מענטשן זיך צו לויבן מיט זיינע גוטע זאכן פאר זיינע נאנטע. אין אזא פאל טאר נישט דער צווייטער צד אפלאכן פון אים און עס מאכן צו נישט, דורך דעם וועט דער מענטש אינגאנצן צוקלאפט ווערן, דאס איז פיל הארבער ווי מען באגזל'ט יענעמ'ס געלט, וואס דאס איז לייכט צוריק צו געבן, אנדערש איז אבער ווען מ'צוקלאפט דעם אוצר המדות פון צווייטן, וואס דאן בלייבט ער

גאר קיין מענטש נישט. דער צווייטער דארף איינהערן צו דעם וואס ער דערציילט. ער דארף אים מוטיגן און שטארקן, דורך דעם וועט ער אים צוהעלפן צו אויספירן בפועל די גוטע באהאלטענע כוחות וואס געפינען זיך אין אים.

## ל

מען דארף וויסן קלאר אז דער וועלט באשעפער האט נישט אראפ געשיקט א נשמה אויף דער וועלט אן כשרונות און פעהיגקייטן, וואס זאלן קענען צוהעלפן דעם מענטש דורכצוגיין די אלע שטרויכ־לונגען אויף דער וועלט. ווען נישט וואלט דאך דער מענטש נישט געשטראפט געווארן אויף זיינע שלעכטע טואונגען. ד.ה. אז דער מענטש האט טאקע באקומען פון אנפאנג אן גוטע מדות וואס זאלן אים העלפן דורכגיין זיין לעבן דא אויף דער וועלט. דער מענטש דארף אבער אכטונג געבן נישט איבערצופירן די גוטס וואס געפינט זיך אין אים. און אודאי נישט איבערפירן דעם צווייטן דורך זיין השפעה. געוויינליך איז אין דעם זעלבן וועג ווי דער מענטש פירט זיך וויל ער אויך בעאיינפלוסן די אנדערע. אויב דער מענטש דערהויבט זיך גייסטיג ווערט די גאנצע וועלט דערהויבן מיט אים צוזאמען. אויב דער מענטש ווערט דערנידריגט גייסטיג דאן נידערט חלילה די וועלט צוזאמען מיט אים.

## לא

דער משגיח פון מירער ישיבה רבינו ירוחם הלוי זצ״ל פלעגט זאגן, א מענטש איז געגליכן צו א קאָמפּאַס, דער ווייזער פון קאמפאס ווייזט שטענדיג אויף צפון זייט, מיט א לייכטן ריר אבער קען מען דעם ווייזער רוקן אויף א צווייטע זייט, ווי לאנג מ׳וועט צוהאלטן מיטן פינגער דעם ווייזער וועט ער בלייבן אויף די צווייטע זייט. ווי נאר מ׳וועט אפלאזן דעם פינגער וועט דער ווייזער צוריק גיין אויף צפון זייט. וואס דארט איז זיין שטענדיגער פלאץ. ענליך צו דעם איז דער מענטש. זיין ווייזער דאס מיינט זיין שורש נשמה איז שטענדיג

געוועגדעט צו די זייט פון קדושה. פון נאטור שטרעבט ער נאר צו טאן גוטס און געגאד. דער יצר הרע אבער דרייט דעם ווייזער אויף די צווייטע זייט, דאס איז די ארבעט פון דעם מענטש דא אויף דער וועלט, נישט זיך צולאזן פארדרייען פון דעם נעץ פון יצר הרע, נאר שטענדיג זוכן צו אוועקנעמען דעם פינגער פון ווייזער וואס ווייזט אויף די נישט ריכטיגע זייט. ד.ה. פארטרייבן דעם יצר הרע פון זיך במילא וועט דער מענטש טאן נאר גוטס.

## לב

דער וויזשניצער רבי הגאון הקדוש רבי חיים מאיר האגר זללה״ה האט מיר אמאל דערציילט אויף איינעם פון די גרויסע רבי׳ס וואס פלעגט דאוונען מיט גרויס התלהבות און ברען. דער שטן האט עס נישט געקענט צוזען, פלעגט ער אים פארדרייען א קאפ אין מיטן דאוונען, בעזונדער ביי תפלת נשמת. אים אנגעפאנגען אויסרעכנען די עבירות וואס ער האט עובר געווען און געזאגט צו אים, ווי שעמסטו זיך נישט יעצט צו איינרייכן וועלטן מיט דיינע תפלות נאכדעם וואס דו האסט ערשט נעכטן עובר געווען אויף די און די עבירה. דורכדעם אים שטערן זיינע כונות ביים דאוונען. דער צדיק האט אין זיינע מחשבות געענטפערט דעם יצר הרע, ס׳וועט דיר גארנישט העלפן, אמת איך האב נעכטן געזינדיגט, און ווער ווייסט אויב איך וועל חלילה מארגן נישט זינדיגן. אבער יעצט האלט איך אין מיטן נשמת, שנעל ענטלויף פון מיר.

דער מענטש טאר זיך נישט אפהאלטן פון טאן גוטס צוליב דעם ווייל ער האט נעכטן געזינדיגט. דאס איז די אויפגאבע פון מענטש שטענדיג צו שטארקן דעם יצר טוב איבער דעם יצר הרע, און אודאי חלילה נישט שוואך מאכן דעם יצר טוב פאר דעם יצר הרע.

## לג

אין יעדן מענטש איז דא גוטע און שלעכטע מידות און נייגונגען. די דרויסנדיגע השפעה ציט דעם מענטש ווי א מאגנעט, צו ארויס־

ברענגען זיינע אינערליכע נייגונגען עס אויסצופירן בפועל. טרעפט זיך דער מענטש מיט א גוטע געזעלנשאפט און פיינע חברים העלפט דאס אים צו, צו ארויסברענגען די אינערליכע גוטס וואס אין אים אויסערליך, אויב ער טרעפט זיך מיט א שלעכטע געזעלנשאפט, איז די זאך גורם פונקט פארקערט חלילה.

דורך העלפן דעם צווייטן ער זאל קענען זיינע אלע מידות טובות וואס איז באהאלטן אין אים אויספירן למעשה טוט מען אים דערמיט א גרויסן חסד.

ווען דער יצר הרע קומט אבער פארנארן דעם מענטש ער זאל טאן דאס פארקערטע, ברענגען דערצו דער חבר זאל אויספירן די שלעכט׳ס וואס אין אים, דאן דארף זיך דער מענטש נאך מער שטארקן צו בעסער מאכן זיך אליין און די אנדערע.

אויב דער מענטש זעט נאר די גוטסביים צווייטן און זוכט נישט קיין חסרונות, וועט קיינמאל נישט זיין קיין קריגעריי, ווייל נאר צווישן צוויי קען זיין א מחלוקת און נישט איין מענטש אליין.

## לד

„ואהבת לרעך כמוך — זה כלל גדול בתורה". דורך לערנען תורה קען מען צוקומען צו ליב האבן דעם צווייטן, זיך צו פרייען מיט יענעמ׳ס שמחה און חלילה זיך צו ערגערן איבער יענעמ׳ס ליידן פונקט ווי אויף די אייגענע.

אזוי ווי דער מענטש וועט זיך נישט בארימען אז ער גיט זיך צו עסן, אנטאן א.ד.ג. אזוי דארף ער זיך אויך נישט גרויסן ווען ער טוט עס פאר דעם צווייטן, דער צווייטער איז דאך אזוי ווי א חלק פון מיר, במילא ווי קען איך זיך גרויסן איבער דעם. אויב דער מענטש וועט זיך אזוי פירן און שפירן דעם צווייטן נישט אנדערש ווי זיך אליין, וועט ער קיינמאל נישט ליידן פון צווייטן פונקט ווי ער ליידט נישט פון זיך אליין, בעזונדער איז דאס געזאגט געווארן אין פאמיליע לעבן.

## לה

## צום צוועק פון בנין הדורות

מענטשן וואס קענען זיך נישט אויסמישן מיטן צווייטן, דעם געפעלט נישט דער יחוס פון צווייטן, דער קען נישט פארנעמען די פארשידענע מנהגים פון צווייטן, זענען געגליכן צו פארשידענע עסנווארג וואס מ׳וויל זיי מאכן פאר איינס אבער זיי פאסטן נישט איינס מיטן צווייטן, וועט נישט קענען ארויסקומען פון דעם קיין גוטער עסן.

אזוי דארפן די מענטשן זיך צופאסן איינער צום צווייטן, ווי טוט מען עס? דורך די תורה — דאס מישט אויס אלע עסנווארג — אלע פארשידענע סארט מענטשן פאר איינס, וואס יעדער קען זיך דורך לערנען תורה צופאסן מיטן צווייטן. דאס זעלבע איז אויך אין משפחה לעבן, יעדער צד דארף זיך פארגלייכן מיטן צווייטן צד, אזוי וועלן זיי קענען ממשיך זיין דעם בנין הדורות.

## לו

ס׳טרעפט זיך אסאך מאל, אז עלטערן האבן איינגערעדט דעם קינד אז ס׳איז נישטא זיין גלייכן, דער קינד לאזט זיך עס שנעל איינרעדן און מיינט באמת אז ער שטייגט אריבער די אנדערע מיט זיין שיינהייט און קלוגשאפט. דאס איז אזאך וואס דרינגט שנעל אריין, אבער זייער שווער עס אויס צורייסן. דער קינד וואקסט און דער געפיל וואקסט מיט אים. ביז ס׳קומט די צייט צו זוכן א בת זוג איז עס זייער שווער פאר אים. כאטש באשאף פאר אים א בעזונדערע באשעפעניש וואס זאל זיין גלייך צו אים.

סוף סוף ווען ער וועט שוין יא טרעפן א בת זוג, וועט זיין וייער ביטער זיין לעבן מיט איר, סיידן זי וועט זיין באזונדער באשאנקען מיט גוטע מדות און וועט זיך פירן מיט אים מיט גרויס געדולדיקייט.

## לז

געוויינליך אין יעדן קריגעריי וועט באזיגן דער וואס איז שטארקער פון צווייטן. נישט אזוי איז אבער אין לעבן פון א מאן מיט א פרוי. דער וואס מאכט זיך נישט הערנדיג און זעהענדיג פון יענעמ׳ס געשרייען און עוולות, דער וועט צום סוף באזיגן.

א קריגעריי קען נאר באשטיין צווישן צוויי, איין מענטש אליין קען זיך נישט קריגן. ווען ס׳קומט פאר א מחלוקת צווישן מאן און פרוי, איין צד האט טענות אויפן צווייטן, דער צווייטער צד אבער שליגגט אין זיך, ענטפערט נישט, ווייזט נישט אויף די חסרונות. אויף אזא אופן וועט די קריגעריי נישט קענען פארטזעצן, ס׳וועט ווערן וואס אמאל אויסגעלאשענער. ענטפערן ביי א קריגעריי — פונקט ווי מ׳גיסט צו ברען מאטריאל צום פייער, שווייגן ביי א קריגעריי — ווי וואסער גיסן אויפן פייער.

דורך דעם פארשווייגן ווערט ער צום סוף געשעצט פון צווייטן צד, מ׳פאנגט אן האבן דרך ארץ, אין אנפאנג טיף אין הארץ ביז צום סוף וועט מען עס ארויסווייזן און אפילו אויך זאגן, „כל הכבוד לך״, דו ביזט ווערד כבוד! איך וואלט נישט געקענט אזויפיל פאר־שווייגן און ליידן פון אזא מענטש ווי איך בין. אמאל אפשר אויף א וויץ, דאס וועט אבער ברענגען דעם אמת׳ן שלום בית צווישן זיי.

## לח

יעדער מענטש וואס ארבעט אויף זיך, צו פארבעסערן זיינע מדות, דינט אלס ביישפיל פאר אנדערע. דאס איז דער בעסטער און ריכטיגער וועג צו דערוועקן אנדערע, צו פארבעסערן זייערע מעשים. נישט דורך אויפרעגן אדער פארשעמען יענעם וואס דאס וועט ערגער מאכן אנשטאט צו בעסער מאכן.

## לט

ווען מ׳איז געקומען צו די צייט פון אויפשטעלן א בנין לדורות, דארף מען זיך פירן ווי מ׳פירט זיך ביי אויסשטעלן א בנין פון

ליים און ציגל. די ארבעטער וועלן נישט אנטאן קיין שיינע זיידענע קליידער נאר גאנץ איינפאכע קליידער. זיי וועלן נישט טראכטן ביי די ארבעט וועגן זייערע מלבושים, נאר וועגן דעם בנין זאל וואס שנעלער פארטיג ווערן. נאך א ציגל, נאך א ציגל ביז מ׳דערגרייכט צום ציל. די זעלבע איז אויך צווישן מאן און פרוי. ווען זיי פאנגען אן זייער לעבן צוזאמען, דארפן זיי זייער פארגאנגענהייט מיט אלע נאכגעביגע זאכן פארגעסן. אינזינען האבן נאר זייער יעצטיגן ציל, צו בויען צוזאמען א בית נאמן בישראל. מיט געדולדיקייט, מוותר זיין, נישט גרויסן זיך איינער איבערן צווייטן, נאר אזוי קען מען צוקומען צו דעם וואס אויף דעם זענען זיי באשאפן געווארן.

„אל תקרי בניך אלא בוניך" געדענקען שטענדיג אז מ׳דארף צוקומען צו זיין די בויער פון כלל ישראל.

## מ

## כל כבודה בת מלך פנימה

עס ווערט דערציילט אויף איינעם פון די ריזשינער רבי׳ס זיע״א, זיי האבן זיך געפירט אין גרויס רייכקייט, און געהאט פיל שמשים.

פאסירט און ס׳איז אמאל ארויסגעפאלן א קויל פון ברענענדיגן אויוון. דער רבי איז שנעל צוגעגאנגען און אליין אריינגעווארפן דעם קויל צוריק אין אויוון. ווען דער שמש האט עס באמערקט איז ער צוגעגאנגען צום רבי און געפרעגט, פארוואס האט דער רבי עס אליין געטאן און נישט געלאזט דעם שמש? האט דער רבי געענפערט: פייער טאר מען נישט לאזן אינדרויסן אפילו איין מינוט, עס דארף ברענען נאר פון אינווייניג.

דעם משל מיטן נמשל דארף מען פארשטיין אויף היינטיגע צייט.

ס׳איז געווען צייטן ביים כלל ישראל וואס אלעס האט זיך געפירט לויט די תורה הקדושה. ווען א פאר פאלק האט אויפגעשטעלט זייער הויז מיט אלע איינריכטונגען וואס פאדערט זיך, האט מען גלייכצייטיג געדאגה׳ט אז די מצוה פון הכנסת אורחים זאל חלילה נישט ליידן.

איינער האט מיר דערציילט פון א גרויסן תלמיד חכם און עושר. וואס האט געהאט די מעגליכקייט צו אויסהאלטן א ישיבה אויף זיין חשבון. האט זיך געפירט אין זיין הויז מיט אלע איינריכטונגען אזוי ווי א גאנץ איינפאכער ארעמאן. האט ער אים אמאל געפרעגט די אורזאך פון דעם, האט דער גביר געענטפערט: נאך די חתונה איז זיין הויז געווען מעבלירט ווי ס׳פאסט פאר א רייכן מאן. אפילו טעפיכער האט אויך נישט געפעלט ביי אים. פאסירט אבער אז א ארעמאן האט נישט ווילנדיג שמוציג געמאכט די שיינע טעפיכער, זיין פרוי האט אים פארגעהאלטן און דער ארעמאן איז געבליבן פארשעמט. גלייך נאכדעם האט ער באפוילן צו ארויסווארפן פון שטוב אלע טייערע מעבל צוזאמען מיט די טעפיכער, אויב דאס קען ברענגען צו פארשעמען א ארעמאן האט עס קיין שום ווערד נישט.

ווען דער ארעמאן קומט אריין אין א הויז וואו דער גאנצער ווירט־שאפט איז גאנץ איינפאך, וועט ער זיך שפירן אסאך באקוועמער און אנגענעמער ווי אין א הויז וואו ס׳איז אלעס לויטן נייסטן מאדעל.

## מא

די הייַנטיגע שיינע מאדערנע דירות, רייצט נאר אן די שלעכטע מידות ווי קנאה, שנאה. יענעמ׳ס דירה איז דאך שענער ווי מיינע. צו וועמען זענען געווענדעט די טענות, צום מאן, פארוואס ער ברענגט נישט אריין גענוג געלט. וויפל געלט ס׳איז דא איז דאך אלס נישט גענוג, מ׳דארף דאך שטענדיג בייטן די מעבל לויטן נייסטן מאדעל דאן איז די דירה שוין נישט גענוג שיין, מוז מען דאך עס אויך בייטן. אזוי גייט דער מענטש אריין אין א ים פון חובות, זיין צייט ווערט זעהר קורץ, ס׳בלייבט שוין קיין צייט צו לערנען, דאווענען, און אמאל אפילו אויך נישט צו רעדן ווי א מענטש. איז דען ווער צופרידן פון דעם? ווען דער מאן מיט די קינדער קומען אהיים דארפן זיי פשוט אראפנעמען די שיך כדי חלילה נישט צו שמוציג מאכן די שיינע טעפיכער.

דער ווילן נאך די אלע לוקסעס ברענגט זעהר א אנגעצויגנקייט

צווישן דעם פאר פאלק, דאס ציט זיך ווייטער ביז צו די עלטערן אויך. אין אסאך פאלן ברענגט דאס צו א שרעקליכע טראגעדיע. די קינדער בלייבן דאן לעבעדיגע יתומים.

## מב

די „מילדות העבריות" אין מצרים האבן זוכה געווען צו אויפשטעלן אזעלכע חשובע דורות, בתי כהונה, לויה און מלכות, ווייל זיי האבן נישט געטראכט וואס יענער וועט זאגן, פרעה׳ס באפעל האבן זיי נישט צוגעהערט טראץ דעם וואס זיי האבן זיך געברענגט מיט דעם אין געפאר. זיי האבן נאר געטראכט וואס וועט זאגן דער בורא עולם אין טאג פון דין.

## מג

די פרוי דארף אכטונג געבן ווען דער מאן קומט אהיים פון די ארבעט, אים אויפנעמען פריינדליך און חלילה נישט צארנדיג ווערן, טאמ׳ער צוברעכטר אדער מאכט עפעס שמוציג. דאס קען ברענגען א ענטפער צוריק, און א קליין שוועבאלע קען אנצינדן א גרויסן פייער. אפילו עס געלונגט אויסלעשן דעם פייער, בלייבט אבער דער רויך פון פייער גאנץ לאנג.

מ׳דארף זיך אפהאלטן פון קלענסטןווארט, ווייל דאס קען ברענגען ווייטער און ווייטער.

## מד

יעדער פארפאלק נאך די חתונה דארף זען זיך צו בעסערן אין זייערע מידות. יעדער זאל טראכטן נאר די טובה פארן צווייטן, דאס מיינט, די פרוי פארן מאן, דער מאן פאר די פרוי, נישט טראכטן וואס וועלן אנדערע זאגן נאר וואס וועט השי״ת זאגן. ס׳קומט פאר אסאך מאל צו מוותר זיין אויף די געזעלנשאפט פון גוטע פריינד און חברים כדי דער מאן מיט די פרוי זאלן קענען לעבן צווישן זיך „באהבה ואחוה ושלום וריעות".

די בחירה איז ביים מענטש אין האנט און רופט צו אים: ובחרת בחיים!

## מה

## גוטע מדות

## און זיך דערווייטערן פון לוקסעס

געוויינליך ווען א פאר פאלק האט חתונה, פרעגן זיך נאך די באקאנטע און גוטע פריינד וועגן זייער ארדענונג, דירה, מעבל, פרנסה א.א.וו. אמערסטן טראכטן און זארגן וועגן דעם די עלטערן, וואס הערן נישט אויף דאגה'ן פאר די חתונה און זענען ממשיך אויך שפעטער.

זענען דא עלטערן וואס פאנגען אן קלערן וועגן דעם גלייך ווי דער קינד קומט אויף דער וועלט. מ'פאנגט אן שפארן יעדן טאג געלט פאר דעם ארדענען פון קינד נאך די חתונה.

לײדער זענען אויך דא אזעלכע וואס פארמאכן די גמרא יונגער־הייט, זיי פאנגען אן זארגן, וואס וועט זיין נאך די חתונה.

## מו

ביז היינטיגן דור איז נאכנישט געווען א דור דער לעבן זאל זיין אזוי איינגעארדנט מיט אלע באקוועמליכקייטן ווי אונזער דור. א לייכטן דריק אויפן קנעפל, און ס'ווערט באלויכטן אין אלע ווינקאלאך. דער פייער איז גרייט גלייך צום קאכן. אן קיין באזונדערע אנשטרענגונג, קומט די וועש ארויס פון וואש מאשין ריין און טרוקן. אפילו דער עסן איז גרייט גלייך צום מויל דורך די אלע קאנסערווירטע שפייז וואס איז היינט דא.

וויפל מיה און אנשטרענגונג האט מען געדארפט אין די פריערדיגע דורות ביז מ'האט מצליח געווען צו באלייכטן די פינסטערניש. וויפל צייט האט מען אוועקגעגעבן מיטן צוגרייטן די האלץ מיט די קוילן ביז מ'האט קוים קוים געזען א פייער. וויפל מייל האט מען געדארפט

גיין אין די גרויסע קעלטן מיט די פעק וועש ביז מ'איז צוגעקומען צום טייך.

איז דאך היינט א פארגעניגן דורך די אלע באקוועמליכקייט וואס איז דא. צו אונזער באדויערונג איז נאך אבער נישט געווען א דור זאל זיין אזוי אנגעצויגן, אויפגערעגט, געשטערט אין זייער מדות ווי אונזער דור. ס'איז קיינמאל נישט פארגעקומען אזויפיל משפחות זאלן זיך שיידן ווי היינט. השם ישמרנו.

## מז

דער מענטש איז געגליכן צו א אנגעבלאזענעם לאגל פול מיט שלעכטע מדות, ווי קנאה, שנאה וכו'. וואס וועט דער זאגן, וואס וועט יענער זאגן אויף מיר? וועט מיין דירה זיין שענער פון יענעם'ס דירה? און ענליכעס.

א גדול האט אמאל געזאגט, וואס איז דער מיין פון עין הרע? אויב דער מענטש איז אינגאנצן שלעכט פארוואס ווערט געזאגט דער ווארט „שלעכט" פונקט אויפן אויג? דער מענטש איז ווי א פאס פול מיט פולווער, די אויג איז דער רער וואס דורך אים שיסט ער ארויס די גיפט וואס אין אים.

## מח

די וועלט איז געגליכן צו אונזער באדויערונג, צו א שלאנג מיט פיל קעפ, וואס איין קאפ בייסט דעם צווייטן, טוט נקמה אין אים. מיינענדיג אז ער איז זיך נוקם אין יענעם. וואס ווייזט זיך ארויס שפעטער אז ער האט זיין אייגענע קאפ געביסן, דאס זעלבע איז אויך מיטן מענטש, וואס מ'טהוט טהוט מען זיך.

## מט

די אלע צען נסיונות וואס אברהם אבינו ע"ה איז בייגעשטאנען זענען ווי איין קייט צו צוברעכן די נאטורן און מדות פון מענטש,

א התנגדות — ווידערשטאנד צו אלע שטרעבונגען פון מענטש וואס וויל זיין עולם הזה זייער באקוועם מאכן.

פרשת לך לך איז א לערע פאר גאנץ כלל ישראל און פאר יעדן בעזונדער. צו אנפאנגען אוועקגיין פון אלע באקוועמליכקייטן וואס ער איז אין זיי איינגעוואוינט געווארן ביי די עלטערן אין שטוב, פונקט צו די צייט דער עסן, שלאפן, און נאך אזעלכע סארט פאר־געניגנ'ס וואס ער איז אין זיי געוואוינט.

א מיליטער מאן טראגט זיינע קליידער מיט אלע נויטיגע זאכן צוזאמען מיטן ביקס אויף זיין אקסל. טאקע דורכדעם וואס ער רוהט נישט אויף איין איינציגן און מסודר'דיגן פלאץ, היט ער זיין לעבן און דעם לעבן פון זיין פאלק. זיינע קליידער און שיך זענען נישט לויט דעם לעצטן מאדעל, ווייל ווען ס'קומט די צייט צו שטיין גרייט צום שלאכט וועט ער נישט אינזינען האבן זיינע קליידער, נאר די מלחמה זאל זיך גוט אויסלאזן. ענליך צו דעם דארף זיך יעדער מאן פון ישראל פילן ווי ער איז פון די מיליטער פון הקב"ה, און זיין שטרעבונג דארף זיין שטענדיג צו היטן אויף דעם כבוד פון מלכות שמים!

ג

שטייט געשריבן אין מדרש אויפן פסוק אין איכה „ולא מצאה מנוח". ווען מיר וואלטן יא געטראפן רוה וואלטן מיר נישט צוריק געקערט צו ה'. דער נס פון אונזער גייסטיגן עקזיסטענץ אלע דורות, אין אונזער לאנגן גלות, שטאמט טאקע פון דעם וואס די פעלקער גיבן נישט קיין מעגליכקייט זיך צו איינארדנען קערפערליך. אין פלעצער וואו אידן האבן באקומען אלע רעכטן דארט האט טאקע ליידער פאסירט פיל אויסמישונגען מיט די גוים רח"ל.

דער נס וואס איז געשען פאר משה רבינו אין פרעה'ס הויז איז געשען דורכדעם וואס דער מלאך האט געביטן פאר אים די גאלדענע שיסל מיט די שיסל פון קוילן. צו ווייזן אז ער איז נישט קיין חכם.

## נא

ביי ישׂשכר שטייט „חמור גרם״ — פארוואס ווערט ער געגליכן צו א חמור, ווייל טאקע ביי חכמת התורה וואס זי איז די חכמה פון אלע חכמות און דער תכלית פון וועלט באשאף, דארף מען זיך אנקליידן מיט דעם פשוטן כח פון „משימים עצמם כבהמה״ זיך צו פילן גלייך צו א בהמה, צו דערקענען זיין בעל הבית אן שום חכמות. אויף דעם איז געקומען די שטראף נבואה „ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע עמי לא התבונן״ (ישעיה א) דער כח פון פשטות אין נישט גרויסן זיך נאר דאס קען ברענגען א לעבן פון גליק.

ווען דער מענטש שפירט שטענדיג אין יעדן מצב אז ס׳איז אים גוט און באקוועם, וועט ער קיינמאל נישט ענטווישט ווערן.

איינער האט אמאל געפרעגט דעם צווייטן, האסט פלאץ צו שלאפן? האט יענער געענטפערט: א מענטש וואס פארנעמט נישט קיין פלאץ טרעפט זיך א ארט אין יעדן פלאץ.

## נב

שטייט אין משלי: „טוב שפל רוח את עניים [ענוים קרי] מחלק שלל את גאים״. טייטש דער ווילנער גאון: ס׳איז גוט צו זיין א שפל רוח און זיצן צוזאמען מיט ארימעלייט, ווי צוטיילן פארמעגן צוזאמען מיט מענטשן וואס האלטן זיך גרויס, אזוי וויא די חכמים דערציילן אונז א מעשה מיט רבי עקיבא וואס האט געפונען א רייכן מאן זיצן צווישן ארימע לייט. אין א טאג איז רבי עקיבא ארויס געגאנגען אין מארק כדי צו פארקויפן א טייערן שטיין. איינער וואס איז געזעסן צווישן אלע ארימע לייט און אליין אויס־געזען א גרויסער ארעמאן האט געזען דעם טייערן שטיין אין די האנט פון רבי עקיבא און געוואלט עס אפקויפן ביי אים. ער האט געבעטן רבי עקיבא זאל קומען צוזאמען מיט אים אין הויז.

רבי עקיבא איז געגאנגען נאך אים, אבער ער האט געמיינט אז ער שפעט פון אים. ביז זענען צוגעקומען צו זיין הויז, האט רבי

עקיבא געזען ווי זיינע קנעכט קומען אנטקעגן אים, זיי האבן אים געוואשן די פיס, און אים געזעצט אויף א שטול פון גאלד. דער מאן האט באלד באפוילן צו ארויס־ברענגען געלט און געבן רבי עקיבא פאר דעם טייערן שטיין. אויך האט ער באפוילן דעם שטיין צו צומאלן מיט נאך זעקס אנדערע טייערע שטיינער און עס אויסמישן אלס רפואה.

רבי עקיבא האט עס געזען און זיך זייער געוואונדערט. דער מאן האט ווייטער באפוילן מ׳זאל שנעל גרייטן דעם טיש פאר רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים. נאכן עסן האט רבי עקיבא געזאגט. נאכדעם וואס השם האט דיר באשאנקען מיט אזא רייכקייט, פארוואס דערנידערסטו זיך אזוי צו זיצן מיט אלע אומגליקליכע ארימעלייט. דער גביר האט געענטפערט: רבי ס׳שטייט געשריבן: „אדם להבל דמה ימיו כצל עובר״ — דער מענטש איז געגליכן צו נישט, זיינע טעג גייען אזוי שנעל ווי א שאטן אריבער, און די געלט איז נישט אויף אייביג. דערפאר זעה איך אז דער זיצן מיט די ארעמע לייט איז זעהר גוט פאר מיר, איך זאל זיך נישט גרויסן מיט די פיל רייכטום וואס השם האט מיר געגעבן. אויב דער מענטש גרויסט זיך פארזינדיגט ער זיך זייער מיט דעם, זיין סוף וועט זיין אז ער וועט גיין אין גיהנם, ווייל הקב״ה האסט די וואס האלטן זיך גרויס. אויך היט איך מיין פלאץ צווישן זיי, טאמער וועל איך פארארעמט ווערן וועט מיין פלאץ בלייבן דער זעלבער. אויך טראכט איך אז איך בין נישט אנדערש פון זיי ווי ס׳שטייט געשריבן „הלא אל אחד בראנו ואב אחד לכולנו״. ווען רבי עקיבא האט עס געהערט איז עס אים זעהר געפעלן און ער האט אים געבענטשט.

נג

א קריגעריי קען נאר אויסברעכן צווישן צוויי, ווען איינער וועט נישט ענטפערן, בלייבט דער צווייטער אליין, מיט זיך אליין קען ער נישט קריגן. דאס איז דער וועג ביי א קריגעריי צו פארשווייגן ביז

ס׳ווערט געשטילט, נישט אנהיצן דעם פייער פון מחלוקת. זיך פארמיידן פון צו גיין און זיך טרעפן מיט די מענטשן וואס האבן ליב צו אנצינדן דעם פייער פון קריגערייי. אפילו ווען ס׳טרעפט און ס׳איז א נאנטער זיינער.

## נד

אן געהויבענע מדות קען מען בכלל נישט עקסזיסטירן אויף דער וועלט. נישט לעבן מיט חברים, שכנים, סוחרים און אויך נישט אין פאמיליע לעבן.

ר׳ ישראל סלנטער פלעגט זאגן: צו צוברעכן איין שלעכטע מדה איז שווערער ווי דורך צוגיין דעם גאנצן ש״ס. די שווערסטע זאך איז צו צוברעכן די מדות. יעדער מיינט אז ער קען זיך שוין גוט און די אלע וועגן פון זיין יצר, ער דארף שוין נישט קיין סאך ארבעטן אויף זיך, די זאך איז אבער נישט אזוי. מ׳דארף ארבעטן אין דעם באדן פון מדות, פונקט ווי מ׳ארבעט מיט א גראב אייזן אין דער ערד, מיטן ביטערן שווייס. אזוי דארף מען אויסרייסן יעדע שלעכטע מדה מיטן ווארצל, נאר דורך זייער פיל ארבעט קען מען צוקומען צו א גליקליכן לעבן.

אמונה פשוטה אין וועלט באשעפער ברענגט צו מנוחת הנפש. ווען מ׳האט דעם ריכטיגן בטחון אין השי״ת ווערט מען קיינמאל נישט ענטוישט.

## נה

## א בריף צום אידישן קעניג

זייער געהערטער קעניג — בן ישראל!

איך ווייס אז דו ביזט זייער דערנידריגט נאך די אלע יארן גלות, די אלע צרות אוןליידן וואס זענען אויף דיר אריבער פון די צייט וואס דו ביזט געווען ביי פרעה אין מצרים ביז׳ן היינטיגן טאג.

קומט דאך אויס אז איך שפעט פון דיר, נאך די אלע ביטערע גלות'ן וואס דו ביזט אריבער אז איך רוף דיר קעניג.

אבער נישט אזוי איז עס ליבער קעניג פון ישראל, הער זיך איין פאלגענדעס:

ס'ווערט געברענגט אין מדרש, ווען השי"ת האט געשיקט משה רבינו צו ארויסנעמען די אידן פון מצרים, האט משה געפרעגט דעם באשעפער, „כלום הכינות לפניהם קליות אגוזים"? — האסטו אנגעגרייט פאר זיי געבראטענע זאנגען און ניס? דעמאלס איז עס געווען א עסן פון קעניגן-קינדער.

פרעגט זיך א פראגע: קען דען זיין אין די צייט וואס ישראל געפינט זיך אין אזא גרויזאמע לאגע אונטער אזעלכע שווערע באדינגונגען, און ה' הייסט משה'ן זיי ארויסנעמען, אויסלייזן פון מצרים. איז דען יעצט די צייט זיך צו אפהאלטן וועגן זייער עסן?

ענטפערט דער „אלטער" פון סלאבאדקע זצ"ל: אונטער וועלכע באדינגונגען אידן געפינען זיך, קען מען אבער נישט פארגעסן אז זיי זענען בני מלכים. און פאר א בן מלך פאסט צו עסן קעניגליכע שפייז. די אונטערדריקונג וואס קומט אויף די אידן איז דאך נאר אויסערליך, ד. ה. נאר אויפן גוף. די גייסטיגע זייט פון אידן מוז אלעמאל בלייבן דאס זעלבע. דער פירער פון די אידן טאר נישט קוקן ווי זעהען אויס די אידן אויסערליך, נאר וויסן אז אידן בלייבן אלעמאל בני מלכים.

נו

דער באשעפער פון דער וועלט האט איינגעווארצלט זיינע מדות אין פאלק ישראל. און זיי — ישראל — זענען די וואס פארשפרייטן דאס אויף דער וועלט.

א קעניג האט געהאט זעהר א שיינעם פאלאץ, וואס איז געווען ארום גענומען מיט א וואונדער-שיינעם גארטן. אין פאלאץ האט דער קעניג געהאט פיל אוצרות און פארשידענע קונסט-ארבעט וואס איז נישט געווען זייער גלייכן. דער קעניג האט געשיקט

שלוחים אין אלע זיינע מדינות צו פארשטעלן און דערציילן זיין גרויסקייט און רייכקייט.

אמאל האט דער קעניג באשלאסן צו ווייזן פאר אלע זיינע אונטערטאנען זיין גרויסקייט און רייכקייט. ער האט באפוילן אויף זיינע קנעכט צו אריבערפירן אלע אוצרות אויפן שיף, און דער קעניג אליין איז געפארן פון איין מדינה צו די צווייטע צו ווייזן זיין גרויסקייט כדי אלע זאלן אים שעצן און פארכטן פאר אים.

השם האט איינגעווארצלט זיינע מדות אין פאלק ישראל. ווי ס'שטייט געשריבן, מה הוא רחום אף אתה היה רחום וכו' — אזוי ווי ה' איז דערבארעמדיג, אזוי זאלסטו זיך פירן דערבארעמדיג. און ה' כביכול גייט צוזאמען מיט ישראל אין גלות פון איין מדינה צו די צווייטע צו ווייזן פאר אלע פעלקער דאס געבענטשע פאלק ישראל.

## נז

בן ישראל, דער מלך פון כלל ישראל! פארוואס רוף איך דיר, יעדן איינציגן, דער מלך פון כלל ישראל? ווייל יעדער מענטש איז א וועלט פאר זיך. דערפאר איז אדם הראשון באשאפן געווארן איינציג כדי צו ווייזן אז יעדער מענטש אליין איז א גאנצע וועלט.

ווען אדם הראשון איז געווען אליין אויף דער וועלט, האט געשיינט פאר אים די זון, לבנה און שטערן מיט זייער פולן שיין, אזוי אויך שפעטער ווען די מענטשן האבן זיך געמערט האט ווייטער אלעס געשיינט פאר זיי, ס'איז גארנישט ווייניגער געווארן פון זיי.

אזוי דארף מען וויסן אז די אלע טויזנטער און מליאנען מענטשן וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, קענען גארנישט צוגעבן אדער אראפנעמען פון מענטש אפילו נישט איין פרוטה וואס איז באשטימט פאר אים.

נאך דארף דער מענטש וויסן, ווען אדם הראשון איז געשטרויכלט געווארן און געגעסן פון די פרוכט וואס השם האט אים פארזאגט

נישט צו עסן, איז ער געשטראפט געווארן און אלע דורות נאך אים. ווען נישט דאס וואלטן אלע געלעבט און עקזיסטירט אייביג.

אזוי ביסטו דער ערשטער אין דיין וועלט, דער ערשטער פון דיינע דורות נאך דיר! אויף דיר ליגט דער אחריות וואס ס'וועט טרעפן פאר דיינע אלע דורות. דערפאר גיב אכטונג זאלסט נישט זיין דער שולדיגער פאר די אלע וואס קומען נאך דיר אין דיין וועלט.

איין גרויסער אונטערשייד אבער איז דא צווישן אדם הראשון און צווישן דיר. אדם הראשון איז טאקע געווען דער ערשטער פון די גאנצע מענטשהייט און ער האט נישט געהאט פון וועמען צו לערנען וואס פאסירט פאר דעם וואס זינדיגט. דו אבער האסט פאר דיר אדם הראשון, אלע נביאים, תנאים, אמוראים, און אזויפיל פראקטיק פון טויזנטער יארן וואס רופן און לערנען דיר אכטונג געבן נישט געשטרויכלט ווערן אין קיין זינד.

מיין טייערער! דאס אלעס דארפסטו פארשטיין און וויסן. נישט זיך וועלן אפנארן און טראכטן ווער בין איך דען, איך זאל קענען אויפשטעלן וועלטן און זיי חרוב מאכן; נאר פון פוילקייט קען מען קומען דערצו אז מ'זאל עס נישט וועלן פארשטיין, און מורא־האבנדיג אז דורך דעם אלעס פארשטיין וועסטו מוזן נעמען אויף דיר דעם עול פון אלע מצוות צו מקיים זיין. דערפאר גיב אכטונג ווען דו קומסט צו די צייט פון חתונה, צוגיין צו דעם ענין נאר מיט מחשבות פון הייליקייט און ריינקייט. נישט קוקן אויפן אויסערליכן גלאנץ וואס גיבן גארנישט צו פארן מענטש.

## נח

„הביטו אל צור חוצבתם", קוק פון וועמען דו שטאמסט, אברהם אבינו דער פאטער פון גאנצן כלל ישראל, וויפל פרובונגען איז ער בייגעשטאנען, אפילו זיינע אייגענע עלטערן זענען געווען געגן אים. נאכדעם וואס אלס קינד האבן זיי זיך געגרויסט מיט אים פאר אלע שכנים און גוטע פריינד. ווען ער איז אבער אביסל עלטער געווארן און האט אנגעפאנגען פארשפרייטן דעם נאמען

פון השי״ת, וואס איז געווען געגן זייערע מיינונגען, האבן אים די עלטערן איבער געגעבן פארן קעניג, און מ׳האט אים ארייגעווארפן אין ברענעדיגן אויוון אין אור כשדים.

דארט אין ברענענדיגן אויוון האט אברהם אבינו אויסגעלייטערט די אלע דורות נאך אים, וואס אין דעם זכות ווערסטו אנגערופן איינער פון זיינע קינדער, נאכדעם האט אברהם אויפגעברענגט זיין זון יצחק אויף די עקידה, וואס אין דעם זכות לעבן מיר און עקזיסטירן ביז היינטיגן טאג.

שפעטער האט השי״ת באשאנקען יצחק׳ן מיט זיין זון יעקב. וויפל צרות האט יעקב דורכגעלעבט, זיין אייגענער ברודער עשו האט אים פיינט געהאט און געזוכט צו טויטן. לבן הארמי האט אים אזויפיל אויסגעניצט; אים אפגענארט און געוואלט אוועקנעמען פון אים אלעס.

אבער צום סוף איז יעקב געבליבן גאנץ מיט די צוועלף שבטים, וואס פון זיי קומען ארויס דער גאנצער פאלק ישראל. דורכוואס האט יעקב זוכה געווען צו אויפשטעלן די שבטי י־ה? דורכן לערנען תורה אן אויפהער טאג און נאכט זיין גאנצן לעבן, און בפרט די צייט וואס ער האט געלערנט אין די ישיבה פון שם ועבר, וואס ער האט זיך בכלל נישט געלייגט 14 יאר נאכאנאנד. מיט דעם האט ער אויסגעטראטן דעם וועג פאר׳ן כלל ישראל צו ווערד זיין צו מקבל זיין די תורה ביים בארג סיני.

## נט

פון מתן תורה ביז היינט ציט זיך ווייטער און ווייטער די תקופה פון די גרויסע הייליגע מענטשן ביים כלל ישראל: משה רבינו, יהושע בן נון, זקנים, נביאים, תנאים, אמוראים וכו׳ ביז היינטיגן טאג.

יעדן טאג, יעדן שעה, ווערט דערמאנט און געלערנט די הייליגע רייד פון השי״ת — די תורה, אין אלע עקן פון דער וועלט וואו אידן געפינען זיך. מיטן זעלבן ברען און באנייאונג, פונקט ווי מיר וואלטן עס היינט מקבל געווען פון אונזערע גרויסע רבי״ס.

מיט וויפל ציטערניש וועט מען זיך אויפהויבן טאמער איז איין בלאט פון די תורה אויף דער ערד געפאלן.

### ס

באטראכט זיך טייערער, צו ווילסטו אז דו און דיינע דורות נאך דיר, זאלן האבן א שייכות צום אייביגן לעבן — עולם הנצחי, דורך די תורה. אדער ח"ו צום עולם התוהו וואס האט נישט קיין אייביקייט, וואס מ'פארברענגט די וועלט נאר מיט הבלים — עולם־הזה זאכן.

### סא

## א בריף צו די אידישע קעניגן

די נשמה קען מען נישט אפנארן. זי שפירט הנאה נאר פון גייסטיגע זאכן. וועלכע הנאה קען זי שוין שפירן ווען זי פילט אויף זיך א גאנצן פעקל מיט זינד ?

וועלכן פארגעניגן קען די אידישע פירשטן האבן פון אלע אירע שיינע קליידער, אויב אירע קינדער גייען נישט אין דרך ה'.

די טאכטער פון קעניג פרעה האט פארלאזט איר פאטער'ס הויז, די קעניגרייך, און איז געגאנגען זיין א דינסט אין די הויז פון אברהם אבינו. זי האט געזאגט, ס'איז איר בעסער צו זיין א דינסט אין די הויז פון אברהם ווי א פרינצעסן אין די הויז פון איר פאטער.

### סב

מיר וועלן אביסל דורכקוקן און זיך באטראכטן וואס האט פאסירט מיט אונזערע עלטערן, מיר זאלן קענען לערנען פון דעם אויף אונזער געגנווארט און צוקונפט.

שטייט געשריבן, „וייצר ה' אלקים את האדם עפר מן האדמה" (בראשית ב, ז), השי"ת האט באשאפן דעם מענטש, פון דער ערד. נאך שטייט געשריבן „ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל כי ביום

אכלך ממנו מות תמות" (שם ב, יז) — און פון דעם עץ הדעת זאלסטו נישט עסן, ווייל אין דעם טאג וואס דו וועסט עסן פון אים וועסטו שטארבן.

השי"ת האט באשאפן דעם קערפער פון מענטש פון דער ערד. צו דעם ערדישן טייל פון מענטש וועט נישט העלפן קיין שום אויס־פארשונגען, ווען ער וועט עסן דאס וואס איז פארבאטן אויף אים וועט ער שטארבן.

אין די באשאפונג פון אדם הראשון איז באהאלטן דער יסוד פון די באשאפונג פון אלע דורות נאך אים. דערפאר דארף דער מענטש זיך נעמען א מוסטער פון אדם הראשון ווי צו זיך דערווייטערן פון אלע שלעכטע מדות פון קנאה און שנאה. ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן איז ער געווען איינציג אין דער וועלט, ס'איז נישט געווען וועמען צו מקנא זיין. אויך איז נישט געווען ווער זאל אים מקנא זיין אדער פיינט האבן. אזוי אויך דארפן אלע מענטשן גלויבן מיט א שטארקע אמונה, אז קיין מענטש קען אים נישט שלעכט'ס טאן, אזוי ווי ער אליין וואלט געווען איינציג אויף דער וועלט.

סג

יעצט וועלן מיר זעהן און לערנען וואס האט פאסירט מיט חוה און דעם שלאנג. שטייט געשריבן „והנחש היה ערום" — דער שלאנג איז געווען קלוג. וועלכע קלוגשאפט אבער האט ער געהאט, נישט קיין חכמה וואס באשטייט אויף ריכטיגע פונדאמענטן נאר א חכמה וואס איז גאנץ אויבערפלעכליך — ווערטער וואס ווערן געזאגט מיט א שיינעם אויסדריק. וואס פון זיי דארף מען זיך שטארק דערווייטערן. חוה אבער וואס האט זיך נישט דערווייטערט פון שלאנג נאר צוגעהערט צו אים, איז זי גלייך פארבלענדעט געווארן. זי האט אנגעפאנגען אנדערש הערן און אנדערש זען. אלעס האט איר אויסגעזען גוט ביז זי איז צוגעקומען „ותקח מפריו ותאכל" — זי האט גענומען פון די פרוכט און געגעסן. נישט נאר פאר זיך אליין

נאר אויך „ותתן גם לאשה עמה ויאכל" — זי האט אויך געגעבן פאר איר מאן און ער האט געגעסן.

## סד

אזוי איז דער וועג פון א בעל עבירה'ניק, ער וויל נישט בלייבן אליין מיט זיין זינד, ער איז משפיע אויך אויף אנדערע און שלעפט זיי מיט.

באלד נאכדעם האט אנגעפאנגען קלאפן די הארץ, „ויתחבא האדם ואשתו מפני ה'" — אדם און זיין פרוי האבן זיך באהאלטן פון השי"ת. זיי האבן שוין מער קיין רוה געהאט, נאך זייער זינד.

די זינד אליין טרייבט דעם מענטש צו זיין „נע ונד". די זינד אליין ווערט איבערגעקערט צו זיין פארן מענטש ממש ווי א שווערד, וואס יאגט אים נאך.

דער מענטש דארף שוין אנקומען צו פארשידענע היילונגען, דער לעבן ווערט שווערער און שווערער.

דער קעניג און די קעניגן — אדם מיט חוה'ן — זענען ארויס־געטריבן געווארן פון גן עדן. צו לעבן א לעבן פון ליידן און פלאג.

## סה

לאמיר הערן אביסל וואס האט פאסירט מיט אונזערע אמהות, וואס האבן אויפגעשטעלט די שבטי י־ה, דעם פאלק ישראל וואס לעבט און עקזיסטירט.

הקב"ה האט געמאכט אונזערע אמהות קינדער־לאז (עקרות) ווייל ער האט געגלוסט צו זייערע תפלות. אזוי איז געווען ביי שרה רבקה און רחל, זייערע תפלות האט זיי געהאלפן.

שטייט ביי רבקה אמנו אז זי איז געשטאנען אין איין ווינקל און מתפלל געווען, יצחק איז געשטאנען אין צווייטן ווינקל און תפלה געטאן. פארוואס ביי א ווינקל? זאגט אויף דעם ר' הלל קאלאמייער זיע"א: ווען מ'שטייט ביי א ווינקל קען מען נישט

קוקן אויף אנדערע זייטן. האט מען נאר די כונה ביים דאוונען. נאר אזא תפלה וואס דער מענטש האט נישט אינזינען קיין שום אנדערע זייטיגע זאכן, זיינע אלע גלידער זענען ווי פאראייניגט נאר אין תפלה צו השי"ת אזא תפלה איז באוויליגט און אנגענומען פאר השי"ת.

## סו

די אויגן פון אונזער מוטער לאה זענען פארטונקלט געווארן פון פיל וויינען זי זאל נישט אריינפאלן צו זיין די פרוי פון עשו הרשע, וואס ער איז געווען באשטימט פאר איר. דורך איר תפלה האט זי געפועלט. און זי איז געווארן די פרוי פון יעקב. אויך איז זי געבענטשט געווארן מיט פיל זין מער ווי רחל וואס זי איז געווען באשטימט פון אנפאנג צו זיין די פרוי פון יעקב.

זעהען מיר פון דא אז דורך תפלה קען מען פועלן. אפילו זאכן וואס זענען אין אנפאנג געווען באשטימט אנדערש צו זיין. קען מען עס דורך תפלה איבערקערן צום גוטן.

## סז

אונזער מוטער רחל מיט איר גרויס צדקות האט איבערגעגעבן אירע סימנים צו איר שוועסטער לאה כדי זי זאל נישט פארשעמט ווערן. טראץ דעם וואס זי האט זיך מיט דעם איינגעשטעלט, זי זאל פארלירן דעם צדיק יעקב און נישט האבן קיין חלק אין ברענגען די הייליגע שבטים אויף דער וועלט. ס'האט אבער ביי איר נישט פארנומען קיין פלאץ דער „איך". דער עיקר די הייליגע שבטים זאלן קומען אויף דער וועלט.

## סח

תפלה, מסירות נפש, זיך אויסארבעטן אין מדות בין אדם לחברו, דאס איז וואס מיר דארפן לערנען פון אונזערע הייליגע אמהות צו גיין אין זייער וועג.

## סט

די מוטער רחל וואס האט זיך אזוי אנגענומען שטענדיג פאר דעם צער פון צווייטן, איז באערדיגט אין מיטן וועג, וואו די בני ישראל גייענדיג אין גלות זאלן נאס מאכן מיט זייערע טרערן איר ערד.

וויפל טרערן און בלוט האט שוין איינגעזאפט דער קבר פון די מאמע רחל פון דאמאלס ביזן היינטיגן גלות. וויפל תפלות און טרערן האט שוין די מאמע רחל פארגאסן איבער די ליידן פון אירע קינדער, צו צורייסן די גזירות און פארגעבן זייער זינד.

אין זכות פון די מאמע רחל עליה השלום וועט השי״ת אונז אויס לייזן פון גלות אזוי ווי ס׳שטייט אין ירמיה ל״א: כה אמר ה׳ קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה מאנה להנחם על בניה כי איננו. כה אמר ה׳ מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה כי יש שכר לפעולתך נאם ה׳ ושבו מארץ אויב. ויש תקוה לאחריתך נאם ה׳ ושבו בנים לגבולם. במהרה בימינו אמן.

## ע

קעניגן פון ישראל, האלט פעסט דיינע פליכטן אין הייליקייט און ריינקייט, זאלסט זיין ווערד צו זיין א מאמע פון שבטי י־ה.

דער גאנצער פאלק ישראל איז צוגעזאגט מיט אלעס גוטס וואס איז באהאלטן פאר אים. דער יחיד — דער איינציגער מענטש אבער דארף שטארק אכטונג געבן ער זאל חלילה נישט אפגעריסן ווערן פון כלל. נישט נאכגיין נאך די אלע שלעכט׳ס וואס דער יצר הרע רעדט איין.

## עא

ווען דער מענטש ארבעט אויף זיך צו פארבעסערן זיינע מדות נאכדעם וואס ער האט באקומען דעם גוטן חנוך. און איז צוזאמען מיט א גוטע געזעלנשאפט. קען ער וויסן ווי זיך צו ראטעווען פון דעם יצר וואס לאקערט שטענדיג איבערן מענטש. דער מענטש

אין זוכה צו אויפשטעלן א גוטן דור. ווי ס'שטייט „בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך".

## עב

מיר שטייען שוין יעצט פאר דעם לעצטן שריט. אין פייער און אין וואסער זענען מיר שוין דורכגעגאנגען, צום טויט זענען מיר געגאנגען שטאלץ מיט אונזער אמונה און הייליגע תורה. יעצט דארפן מיר אכטונג געבן חלילה נישט געשטרויכלט ווערן אין דעם לעצטן שטרייט וואס שטייט אונז פאר.

## עג

## די גרויסע מצוה פון "פרו ורבו" און ווי גרויס די עבירה פון אפהאלטן צו מערן אידישע קינדר חלילה

ליידער ליידער זענען מיר געצוואונגען צו רעדן וועגן דעם ענין, וואס ביז א קורצע צייט צוריק האט עס בכלל נישט עקזיסטירט ביי אונז. די זאך איז געווען פאר יעדן פארשטענדליך. דאס איז די גרויסע עבירה פון אפהאלטן צו מערן אידישע קינדער אויף דער וועלט. וואס האט זיך לעצטנס בעוונותינו הרבים זעהר פארשפרייט.

## עד

א פרוי, א מאמע פון דריי קינדער, האט זיך אמאל געווענדעט צום דאקטער ליגנדיג אין שפיטאל אין גרויסע שמערצן, ערווארטנדיג דעם פערטן קינד, צו איר באפרייען פון אירע יסורים און צונישט מאכן דאס קינד. דער דאקטער הערנדיג איר פארלאנג, האט געפרעגט אויב זי האט שוין קינדער, און ווי אלט איז דער קלענסטער קינד? זי האט געענטפערט: דער קלענסטער קינד איז צוויי יאר. האט ער פארלאנגט צו ברענגען דעם קלענסטן קינד. די פרוי מיינענדיג אז דאס איז נויטיג כדי צו אויספירן איר ווילן, האט געבעטן דעם מאן צו ברענגען דעם קינד, דען זי האט זיך זעהר פארבענקט נאך אים. דער מאן וואס האט פון קיין שום זאך נישט געוואוסט, האט

געברענגט דאס קינד. די פרוי האט געהאלטן נעבן זיך דעם קינד ביז דער דאקטער איז געקומען. דאן האט זי זיך געווענדעט צו אים זאגנדיג: דאס איז דער קלענסטער קינד מיינס. דער דאקטער האט ארויסגענומען פון קעשענע איינעם פון די ספעציעלע מעסער'ס וואס ווערן בענוצט ביי א אפעראציע, און מיטן מעסער אין האנט האט ער זיך דערנענטערט צום קינד. אנעמענדיג דעם קינד ביים קעפל, האט ער געפרעגט די מאמע אויב זי איז מסכים ער זאל אראפשניידן זיין קאפ. די פרוי איז דערשיטערט געווארן, און אנגעהויבן ביטערליך אין גרויס שרעק צו שרייען, חלילה צו אנרירן איר אומשולדיג קינד!!! דאן האט ער צו איר געזאגט, איז דער קינד וואס געפינט זיך אין דיר מערער שולדיג? איז דא א אורזאך אים צו טויטן?

אזוי האט פארשטאנען דער דאקטער, וואס צו אונזער שאנד פארשטייען נישט אסאך אידישע מאמעס. וואו איז דער פאטער־ליכער רחמנות און מוטערליכע ליבע. וואו איז די שרעק פארן גרויסן יום הדין.

## עה

א יונגע פאר פאלק, וואס השי"ת האט זיי באשאנקען א יאר נאך די חתונה מיט א בן זכר. האבן זיך בארעכנט, אז ס'איז צו שווער יעדן יאר צו ברענגען א קינד אויף דער וועלט. האבן זיי באשטימט אז נאך זיבן יאר וועלן זיי ברענגען א צווייטן קינד. נאך זיבן יאר איז דער ערשטער קינד זעהר קראנק געווארן און געשטארבן. מער קיין קינדער האבן זיי נישט געהאט.

ס'איז פארשטענדליך פאר אלע אז דאס איז זיי געקומען נאר אלס שטראף פון הימל, אויף זייער שלעכטע פירונג. קען זיין ווען נישט דאס, וואלט דער קינד נישט קראנק געווארן און געשטארבן, און אפילו ווען יא וואלט זעהר בראך נישט געווען אזוי גרויס ווען זיי האבן נאך קינדער זיך צו טרייסטן מיט זיי.

דאס פאר פאלק איז נאך די פאסירונג זעהר פארטרויערט און צובראכן.

## עו

אנדערע מיינען אז דורך ווייניג קינדער וועלן זיי קענען לעבן א רוהיגן און גרינגן לעבן.

דאס איז אבער פאלש צו טראכטן אזוי. אפילו ס'קען זיך אויסווייזן אמאל אז דער לעבן איז דורכדעם לייכטער, טאר מען אבער נישט עובר זיין אויף דעם באפעל פון ה' יתברך צו פארמערן זיך.

דאס איז נישט ווי עס ווייזט זיך אויס. אזא פירונג וועט זיי נישט ברענגען קיין רוה. דאס קען נאר ברענגען חלילה פארשידענע שוועריקייטן און צרות פארן מענטש צוליב די זינד וואס ער האט געטאן, וואס איז נישט קיין פארגלייך צו דעם צער גידול בנים וואס איז א פארגעניגן פאר די עלטערן.

## עז

דעם פלאג וואס עלטערן האבן ארום די קינדער, רעכנט זיך נישט לויט דעם צאל פון קינדער. ד. ה. אויב ער האט אסאך קינדער איז נגזר געווארן אויף אים א סאך צער, אויב ער האט ווייניג קינדער וועט ער האבן ווייניג צער. ס'איז באשטימט פאר יעדן בעזונדער וויפל צער ער זאל אריבערגיין. דאס ווערט איינגעטיילט לויט די קינדער. אויב ער האט איין קינד וועט ער די גאנצע ליידן פון דעם קינד האבן. אויב ער האט צען קינדער ווערט עס איינגעטיילט צווישן די צען. אודאי אויב עס ווערט איינגעטיילט צו ביסלאך איז עס פיל לייכטער פאר די עלטערן.

## עח

מיר וועלן דערמאנען די רייד פון חפץ חיים זצ"ל וועגן דעם ענין פון פרנסה: א גרויסער סוחר איז אמאל געקומען צום חפץ

חיים און געפרעגט צו ער זאל עפנען נאך א געשעפט. דער חפץ חיים האט אים געענפערט מיט א משל: א פאס פוהל מיט ווייז וואס האט איין קראן אונטן, אויב מ'וועט מאכן א צווייטן קראן וועט מער ווייז ארויסקומען? ניין! די וויין וועט ארויסקומען אין די זעלבע מאס נאר א סאך שנעלער. דאס זעלבע איז מיט די פרנסה פון מענטש, וויפל ס'איז באשטימט פון ראש השנה פארן מענטש אזויפיל באקומט ער. דורכן עפנען נאך א געשעפט, קען זיין ער וועט באקומען שנעלער דאס געלט אבער נישט מער. אזוי איז אויך מיט דעם ענין וואס איז אויבן דערמאנט. וויפל צער ס'איז באשטימט פאר די עלטערן אזויפיל באקומען זיי. נישט דורך ווייניג קינדער וועלן זיי ווייניגער באקומען. די מאס וואס איז פאר זיי באשטימט וועלן זיי האבן פון ווייניג קינדער. דער צער קען נאך ווערן פיל מער, אויב זיי האבן זיך חלילה „געקליגט" צו ברענגען וואס ווייניגער קינדער.

גרויס איז דער זכות פאר די וואס פירן זיך ווי השי"ת האט באפוילן. וואס קען פארמיידן פון פיל צער, אויסער דעם וואס דער צער ווערט צוטיילט צווישן פיל.

## עט

באוואוסט איז דער מאמר חז"ל, אזוי ווי די פרנסה איז באשטימט פארן מענטש פון ראש השנה, אזוי אויך יעדער שאדן און פארלוסט איז באשטימט פון ראש השנה. אודאי דוכדעם וואס דער מענטש וועט עובר זיין אויפן רצון השי"ת וועט ער נישט ווייניגער מאכן די שאדנ'ס און צער וואס איז באשטימט פאר אים, נאר פארקערט. פונקט אזוי ווי איינער וועט עפנען זיין געשעפט שבת וועט ער דען מער פארדינען?

## פ

א מעשה מיט צוויי שוועסטער: די ערשטע האט געהאט יעדן יאר א קינד. איר שטוב איז געוועז פול, געבענטשט פון השי"ת מיט זין

און טעכטער. די צווייטע האט זיך געקליגט און געהאט נאר איינציגע קינדער. זי פלעגט פארברענגען און שפאנצירן, אין די צייט ווען איר שוועסטער איז געווען זעהר פארנומען מיט אירע קינדער. אמאהל איז די צווייטע שוועסטער קראנק געווארן און געלעגן א צייט אין שפיטאל. פון דאן ליגט זי יעדן יאר קראנק און ליידט גרויסע שמערצן. מער קען זי שוין נישט פארברענגען, אויך די הויז ווירטשאפט איז נישט ווי עס באדארף צו זיין. דער מאן און אויך די קינדער ליידן פון דאס. ס'איז באוואוסט אז דער זינד פון ברענגען ווייניג קינדער אויף דער וועלט איז גורם דער שלום בית זאל צושטערט ווערן, און נאך פארשידענע ליידן.

דער מאן האט מיט א פארווייטיגטע הארץ זיך אויסגעדריקט: „הלואי וואלט מיין פרוי געווען יעדן יאר אין שפיטאל אין קינפעטארינס אפטיילונג אזוי ווי איר געזונטע און גליקליכע שוועסטער, און נישט אין קראנקן־אפטיילונג פון שפיטאל. דאס איז אונז געקומען, צוליב אונזער זינד".

געבענטשט מיט גליק און שלום זענען די וואס פירן זיך בתמימות.

## פא

חז"ל לערנען אונז אז נישט נאר אויף יעדע גוטע מעשה וואס א מענטש טוט באקומט ער שכר, נאר אויך באקומט ער שכר אויף די גוט'ס וואס קומט ארויס דורך די גוט'ס וואס ער האט געטאן. וו.צ.ב. אויב איינער שטעלט אויף א גוטן תלמיד, און דער תלמיד האט אויך אויפגעשטעלט תלמידים א.א.וו. איז דער ערשטער רבי זוכה אין אלע זייערע גוטע מעשים ביז סוף כל הדורות.

דאס זעלבע איז אויך ביים שכר פון עלטערן מיט קינדער. ווען די עלטערן האבן זוכה געווען צו אויפשטעלן גוטע דורות, נישט נאר שכר אויף די גוטע מעשים פון זייערע קינדער באקומען זיי, נאר אויך פון זייערע קינד'ס קינדער עד סוף כל הדורות.

ווען מיר וועלן אביסל טראכטן איבער דעם שכר וואס קומט פאר די עלטערן וועלן מיר זעהן אז ס'איז פיל אן א שיעור.

דער זעלבער חשבון רעכנט זיך אויך ביי דעם שטראף. עלטערן וואס האבן געקענט ברענגען נאך א קינד אויף דער וועלט און האבן עס נישט געטאן, וועט מען זיי שטראפן נישט נאר פאר די גוטע מעשים וואס זייער קינד וואלט געקענט טאן נאר אויך פאר אלע גוטע מעשים פון אלע דורות נאך אים ביז סוף כל הדורות.

אויב מ׳וועט רעכנען דעם פארלוסט פון די מצוות פון איין קינד איז דאך דער חשבון שרעקליך. אין איין טאג וויפל מצוות קען דער מענטש מקיים זיין, און דא וועט מען זיי רעכנען נישט נאר פון איין טאג נאר פון זיבעציג יאר לעבן; נישט פון איין מענטש, נאר פון די פילע דורות וואס וואלט געקענט ארויסקומען נאך אים ביז סוף כל הדורות.

דאס אלעס איז נאר אויב זיי האבן זיך געקליגט וועגן איין קינד. ווי איז ווען זיי האבן זיך געקליגט וועגן מערערע קינדער. וועט מען דאך רעכנען דעם זעלבן חשבון וועגן יעדן איינציג קינד בעזונדער. וואס זיי האבן געקענט ברענגען אויף דער וועלט.

ס׳איז זיכער אויב די עלטערן וועלן נאר אביסל טראכטן וועגן דעם חשבון, וועלן זיי פארציטערט ווערן און נישט וועלן זיך „קליגן״. ווער קען דען נעמען אויף זיך די אחריות פון אזויפיל שטראפונגען וואס קען קומען איבער אים צוליב דעם.

## פב

ס׳איז דא וואס האבן א טעות, מיינענדיג אז וואס קלענער די פאמיליע וועט זיין, אלס גרינגער וועט זיי זיין דער יאך פון פרנסה. דאס איז א פאלשער געדאנק. דאס פארקערטע, איז די ריכטיגע. ס׳איז באוואוסט און באגלויבט פאר יעדן איד אז הקב״ה שפייזט זיינע אלע באשעפענישן. ער שיקט די פרנסה לויט די גרויס פון פאמיליע. וויפל די פאמיליע מערט זיך, ווערט געמערט דער שפע פון ברכה ביי זיי. דער וואס טוט דעם ווילן פון באשעפער, אים וועט דער באשעפער איבערלאזן אן פרנסה?

פארקערט איז ביי די וואס קליגן זיך חלילה, ווערט פארמינזערי

זייער פרנסה אויסער די פיל שלעכטס וואס זיי ברענגען דאדורך אויף זיך. ווי ס׳שטייט אין חז״ל, אז דער זינד איז גורם צו ארעמקייט און ווייניג הצלחה. אויך איז דאס גורם דעם טויט פאר זיינע קליינע קינדער.

ווי איז צו די מענטשן וואס ברענגען אליין אויף זיך אזויפיל שלעכטס אויסער די שרעקליכע שטראף וואס ווארט פאר זיי לעולם הבא.

אפילו ווען פאר די עלטערן זעהט אויס אז ס׳ברענגט זיי אביסל שוועריקייט אין פרנסה, טאר מען זיך אויך נישט קליגן. מיר זענען פארפליכטעט צו טאן דעם רצון השי״ת און מיר טארן נישט טראכטן זייטיגע חשבונות.

## פג

דער חפץ חיים זצ״ל שרייבט אין זיין ספר „דבר בעתו״, דער פליכט זיך צו מערן איז אפילו אין די שווערסטע אומשטענדן וואס דער מענטש געפינט זיך. אפילו דער וואס איז פארפליכטעט צו גיין דינען ביי מיליטער, דארף פריער נעמען א פרוי צו מקיים זיין די מצוה „פרו ורבו״, אפילו ווען זיינע קינדער וועלן בלייבן אן ברויט, טאר ער אויך נישט זיין פריי פון דעם פליכט.

## פד

די חז״ל זאגן: ווען אידן פלעגן מל זיין זייערע קינדער אין מצרים, פלעגן די מצרים זאגן, פארוואס זענט איר מל אייערע קינדער? נאך אפאר מינוט און זיי וועלן זיין אין טייך. האבן ישראל געענטפערט: מיר זענען מקיים די מצוה פון מילה. דאן קענט איר טאן לויט אייער ווילן. ווען ישראל האבן געפראוועט די שבעת ימי המשתה, האבן די מצרים געזאגט, פארוואס טוט איר עס? איר וועט דאך באלד ארויסגיין אין פעלד צו ארבעטן די שווערע און ביטערע ארבעט. האבן ישראל געענטפערט: מיר וועלן מאכן שבעת ימי המשתה און נאכדעם וועט איר טאן לויט אייער ווילן.

## פה

די עלטערן וואס פירן זיך בתמימות, טוען דעם רצון השי"ת — זייער געוויסן איז ריין. זיי ווייסן אז זיי האבן אלעס געטאן כדי צו מערן אידישע קינדער אויף דער וועלט. אנטקעגן דעם, די וואס האבן זיך געקליגט — מאכן זיך ענדליך אליין פארוואורפן, פארוואס זענען מיר געווען אזעלכע זינדיגע, מיר וואלטן דאך געקענט האבן נאך א פאר קינדער.

די פרייד און פארגעניגן אויף דער וועלט פאר די עלטערן וואס האבן זיך ריכטיג געפירט, איז זעהר פיל. זיי זענען זוכה צו גוטע איידים׳ס און שנור׳ס, צו אייניקלאך און פיל קינד׳ס קינדער. וואס גייען אין זייערע וועגן. ביי יעדע שמחה אין משפחה וויפל נחת האבן די עלטערן!

## פו

א סאך פאלן זענען באוואוסט, ביי עלטערן וואס האבן געהאט איינציגע קינדער דורך זייער קליגן זיך, און די זענען געפאלן אין מיליטער אדער דורך א קאטאסטראפע. ווי אומגליקליך זענען די עלטערן. וואס האבן אליין צושטערט זייער לעבן. עלנד בלייבן זיי, עלנד ווען זיי שטארבן. יעצט איז שוין צו שפעט צו פארריכטן זייער שולד.

דערפאר זאלן עלטערן וואס ווילן זעהן גוטס בעולם הזה נעמען אויף זיך, אויפנעמען די ברכה פון השי"ת זין און טעכטער, מיט פרייד. וואויל צו זיי אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

## פז

דער מענטש זאל שטענדיג גלוסטן און מתפלל זיין צו השי"ת, זאל אים בענטשן מיט זין און טעכטער, זיי צו ערציען אין ריכטיגן וועג צו דינען השי"ת.

## פח

דער מענטש זאל נישט זאגן, איך האב שוין א זון און טאכטער. צו וואס דארף איך נאך. ווי וועל איך זיי מפרנס זיין? דער וואס רעדט אדער טראכט אזוי איז א כפוי טובה און האט ווייניג אמונה. ער קען חלילה גורם זיין מיט דעם צום טויט פון זיינע קינדער ר״ל.

אין ספר חסידים סימן תק״כ ווערט געברענגט א מעשה מיט איינעם וואס פלעגט שטענדיג זאגן, איך האב שוין א זון און טאכטער, איך קען נישט צוזען דעם צער וואס מיין פרוי זאל האבן ביי נאך קינדער, און ווי וועל איך זיי שפייזן? האט אים דער חכם געזאגט, פאר דער קינד ווערט געבארן האט שוין השי״ת צוגעגרייט פאר אים דאס עסן — די מילאך ביי די מוטער, דערפאר דארפסטו נישט זארגן. ער האט אבער נישט אנגענומען די רייד און ווייטער זיך פארקלאגט. נאך א צייט האט אים השי״ת געגעבן א זון, דער קינד איז קראנק געווארן. איז דער געגאנגען צום חכם זאל מתפלל זיין זיין קינד זאל לעבן. האט דער חכם געזאגט, אויף דיר איז געזאגט, זאלסט נישט געבן דיין מויל צו זינדיגן. זאלסט נישט זאגן ס'איז געווען אומווילנדיג, פארוואס זאל השי״ת צערנען.

דער קינד איז געשטארבן.

## פט

זייער גרויס איז די זינד פון צו פארמיידן מער קינדער אויף דער וועלט סיי אויף וועלכן אופן מען טוט דאס.

## צ

שטייט געשריבן: דריי זענען דא וואס זענען גורם צו פארטרייבן די שכינה פון דער וועלט. זיי רופן און מ'הערט נישט צו זייער געשריי. איינער פון די דריי איז דער וואס הרגעט דעם קינד וואס געפינט זיך נאך ביי די מוטער.

שטייט אז די אידן אין מצרים טראץ דעם וואס ס'איז ארויס די גזירה צוווארפן אלע זין אין טייך האבן זיי נישט אויפגעהערט צו

מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה, און אודאי נישט געהארגעט דעם קינד וואס איז נאך נישט ארויסגעקומען אויף דער וועלט. דאס איז איינע פון די זכותים וואס דורך זיי זענען אידן אויסגעלייזט געווארן פון גלות (ספר קדושה).

## צא

די מצוה פון פריה ורביה איז זעהר גרויס. חז״ל זאגן, דער וואס איז נישט מקיים די מצוה איז חייב מיתה.

מיר זעהן ביי חזקיהו המלך וואס ער איז געווען א צדיק גמור, און ער האט פארשפרייט אזויפיל תורה ביים פאלק. איז געקומען ישעיה הנביא צום קעניג מיט די שטראף רייד פון ה׳: „כה אמר ה׳ צו לביתך כי מת אתה ולא תחיה״. לערנען אונז חז״ל מת אתה — דו וועסט שטארבן בעוה״ז, ולא תחיה — דו וועסט נישט לעבן לעולם הבא אויף די אנדערע וועלט. פארוואס קומט אים די שטרענגע שטראף רייד? חזקיהו המלך האט געזען ברוח הקודש אז זיינע קינדער וועלן נישט זיין קיין צדיקים נאר דאס פארקערטע, דער פאר האט ער נישט גענומען קיין פרוי. זעהן מיר אז טראץ דעם וואס ער האט דאס געוואוסט פאראויס, האט ער נישט ריכטיג געטאן, וואס ער האט נישט גענומען קיין פרוי, און דורכדעם נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה. און צוליב דעם זינד איז געקומען די שטרענגע שטראף רייד פון השי״ת.

*

אפילו א מאן וואס האט שוין מקיים געווען די מצוה, און זיין פרוי איז געשטארבן, זאל ער נישט בלייבן אן א פרוי, נאר זאל נעמען א צווייטע פרוי. ווי חז״ל זאגן: ער האט גענומען א פרוי אין זיין יוגנט, זאל ער אויך נעמען א פרוי אויף זיין עלטער. ער האט געהאט קינדער אין דער יוגנט, זאל ער אויך האבן קינדער אויף דער עלטער, דען ער ווייסט נישט וועלכע קינדער ס׳וועלן בעסער אויסוואקסן.

איין מענטש איז דאך א גאנצע וועלט. די מענטשן וואס טראכטן, אז זיין פרוי וועט האבן צער פון פיל קינדער, אדער ווי וועט ער זיי שפייזן? איז ער דאך א מענטש מיט ווייניג אמונה, הקב"ה שפייזט דאך אלע מענטשן און באשעפענישן ווי ס'שטייט: „נותן לחם לכל בשר".

ווען דער מענטש זאל טראכטן אביסל, וועט ער זעהן אז ס'לוינט זיך אסאך טירחא צו געבן וועגן די קינדער, אז אויב אפילו איינער וועט צום סוף ארויסקומען פון אים א אמת'ער ירא אלקים — ג־ט'ס פארכטיגער איז דאך עס כדאי פאר אים די גאנצע וועלט (פלא יועץ).

## צב

## די גרויסע הארבקייט פון די עבירה פון כעס און די דערווייטערונג פון דעם

שטייט געשריבן אין קהלת: „אל תבהל ברוחך לכעוס כי כעס בחיק כסילים ינוח", מיר זענען אנגעזאגט געווארן נישט צו ווערן אין כעס. שטייט: „כל הכועס כאילו עובר עבודה זרה", א מענטש וואס ווערט אין כעס און דערביי טוט ער א מעשה ווי למשל ער צורייסט זיינע קליידער, צוברעכט כלים א.א.וו. איז גלייך ווי ער וואלט געדינט ע"ז, ער פארגעסט זיין לערנען, און איז מוסיף נארישקייט אין זיך ווי ס'שטייט „כעס בחיק כסילים ינוח".

אויך אין זוהר הקדוש שטייט ווי הארב איז די עבירה פון כעס, און ווי ווייט דער מענטש דארף זיך פון דעם דערווייטערן.

## צג

ווען ס'איז געקומען חלילה יסורים אויפן מענטש דארף ער אכטונג געבן דאס צו אננעמען באהבה, און חלילה נישט זיך ווארפן מיט דעם און נישט זיך כעס'ן און צארנען.

### צד

דער מענטש דארף זוכן עצות ווי צו אויסרייסן אינגאנצן די מדה פון כעס אויף אלע זיינע לעבנ׳ס טעג, נישט צו ווערן אין כעס אויף קיין שום זאך, אזוי ווי ס׳שטייט אין קהלת י״א: „והסר כעס מלבך והעבר רעה מבשרך״.

### צה

ווען דעם מענטש קומט אויס אמאל צו ווערן צארנדיג כדי צו מחנך זיין זיינע קינדער אוןווארפן א שרעק אויף זיי, זאל זיין דער כעס נאר אויסערליך, אין הארץ אבער זאל ער בלייבן רוהיג, ווי ער וואלט נישט אין כעס געווארן.

איך האב געהערט אויף איינעם א גדול דערציילן, ווען ס׳פלעגט אים אויסקומען צו שלאגן זיין קינד כדי אים צו מחנך זיין, פלעגט ער גלייך נאכדעם זיך אויסדרייען, און א שמייכל האט באדעקט זיין געזיכט, דער דרויסנדיגער צארן זאל נישט דערוועקן קיין אינערליכן צארן.

### צו

אונזערע חכמים האבן געזאגט: יעדער וואס ווערט אין כעס, אויב ער איז א חכם, זיין קלוגשאפט גייט אוועק פון אים. אויב ער איז א נביא, זיין נבואה גייט אוועק פון אים. בכלל איז זיין לעבן קיין לעבן נישט. דערפאר דארף דער מענטש איינגעוואוינען זיך צו דערווייטערן פון די מדה אפילו ווען זאכן קענען ברענגען דעם מענטש אין צארן. דאס איז דער גלייכער און ריכטיגער וועג, דאס איז דער וועג פון די צדיקים: „עלובים ואינם עולבים, שומעים חרפתם ואינם משיבים, עושים מאהבה ושמחים ביסורים. ועליהם הכתוב אומר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו״ (הלכות דעות פרק ב׳).

### צז

דער מענטש דארף זיך איינגעוואוינען צו רעדן שטענדיג געלאסן.

דער וואס ווערט אויפגערעגט פארגעסט זיין לערנען. ווי מ׳יר געפינען ביי משה רבינו אז בשעת ער האט מקפיד געווען האט ער פארגעסן א דין און אלעזר הכהן האט דעם דין געלערנט פארן פאלק. דארפן מ׳יר זיך אפלערנען פון דעם. משה רבינו וואס איז געווען דער קלוגער צווישן חכמים, דער טאטע פון די נביאים — אין די צייט וואס ער האט מקפיד געווען האט ער פארגעסן זיינע ווערטער. ווי דארפן מ׳יר שוין אכטונג געבן נישט צו אין כעס ווערן, טאמער איז נישט געטאן געווארן דער ווילן פונקט אזוי ווי מ׳האט געוואלט.

## צח

דער הייליגער תנא רבי עקיבא פלעגט יעדן טאג מתפלל זיין: יהי רצון מלפניך ה׳ אלקי ואלקי אבותי שלא אכעוס היום ולא אכעיסך. — זאל זיין דער ווילן פאר דיר ה׳ אלקי ואלקי אבותי, איך זאל נישט צארנען היינט, און איך זאל דיר נישט דערצערנען.

אפילו אין דעם דערצערנען ה׳ איז דאך געמיינט אלע עבירות און אויך די עבירה פון כעס אין דעם. ווייל כעס אבער איז די סיבה פון אלע זינד און ס׳קען זיך טרעפן אפט ביים מענטש. האט ער אויף דעם מתפלל געווען א בעזונדערע תפלה.

## צט

דער רמב״ן ז״ל האט אונז געגעבן זעהר א גוטע עצה ווי זיך צו קענען אפהאלטן פון כעס. וזה לשונו: „תתנהג תמיד לדבר כל דבריך בנחת לכל אדם ובכל עת ובזה תנצל מן הכעס״ — זאלסט זיך פירן שטענדיג צו רעדן דיינע אלע רייד געלאסן צו יעדן מענטש, צו יעדן צייט, דורך דעם וועסטו געראטעוועט ווערן פון כעס.

דער גאון רבי גרשון מיאדניק ערקלערט אונז די טיפע געדאנקען וואס ליגט אין די רייד פון רמב״ן.

„כל דבריך״ — אלע דיינע רייד, אפילו ווען דו זאגסט שטראף רייד.

„לכל אדם״ — צו יעדן מענטש, אפילו דער מענטש וואס האט דיר גרינג געשעצט און באליידיגט.

„ובכל עת״ — צו יעדע צייט, אפילו דער מענטש געפינט זיך אין א שווערע לאגע חלילה.

טראץ דעם אלעס זאלסטו זיך שטארקן צו רעדן שטענדיג נאר געלאסן. דורך דעם וועסטו גערעטעוועט ווערן פון כעס.

## ק

רבי חיים וויטאל דער תלמיד פון אר״י הקדוש שרייבט, אז די מדה פון כעס, אויסער דעם וואס האלט אפ דעם מענטש פון צו משיג זיין חכמה, איז הארבער ווי אלע אנדערע עבירות, ווייל יעדע עבירה וואס א מענטש טוט איז דאם פוגם נאר אויף א געוויסן אבר אין זיין נשמה. (דער אבר וואס ער האט חוטא געווען דורך דעם) אבער כעס איז פוגם אויף אלע אברים פון מענטש.

## קא

ווען רבי חיים ויטאל פלעגט לערנען מיט זיין ברודערקע און ער האט אמאל נישט פארשטאנען דעם לערנען ווי רבי חיים האט געוואלט, איז ער צארנדיג געווארן אויף אים, אויך אויף דעם האט זיין רבי דער אר״י הקדוש אים מוכיח געווען. ווייל אפילו ביי א דבר מצוה טאר מען אויך נישט ווערן אין כעס (עבד המלך קהלת).

## קב

א פאלאץ פון א קעניג וואס איז זייער שיין געבויט. שטענדיג איז דער פאלאץ ארומגענומען מיט א גאנצע גרופע מיליטער וואס ווארפט א שרעק אויף אלע דורכגייער.

אינווייניג אין פאלאץ איז דער טייערער שטול וואס דער קעניג זיצט אויף אים, אנגעטאן מיט זיין גאלדענעם קרוין. אלעס ווייזט אויף טייערקייט און כבוד. פון דא קומען ארויס מיט די חתימה פון קעניג די געזעצן פאר אלע איינוואוינער.

דאס איז אבער נאר אין א צייט ווען דער פאלק איז אונטערטעניג דעם מלך. ווען זיינע אונטערטאנען מאכן אבער א אויפשטאנד געגן אים לויפן די אלע מיליטער פון ארום דער פאלאץ מיט שאנד אוועק אין איינציגע מינוטן. דער גאנצער פראכט פון פאלאץ איז איבער־געקערט געווארן פאר א קבר פארן קעניג און זיין פאמיליע. אלעס ברענט אין פייער. דאס איז א משל צום לעבן פון מענטש. יעדער מענטש איז באשאפן געווארן בצלם אלקים, און איז געגליכן צו א מלך. דאס אלס איז נאר ווען דער מענטש באהערשט זיין פארשטאנד איבער זיינע ווילב׳ס דאן איז ער געגליכן צו א הערשער און מלך. ווי איז אבער ווען דער מענטש ווערט אין כעס, זיין פארשטאנד באהערשט נישט זיין שלעכטן ווילן, ווערט אנגעצונדן פון א קליין שוועבאלע א גאנצער פלאקער, זיינע אלע גלידער ווערן איבער־געקערט ממש ווי א חי׳ה צום פארצוקן.

ווען דער מענטש וואלט געזען ווי ער זעהט אויס בשעת זיין צארן ברענט אין אים, וואלט ער נישט געקענט גלויבן אז ער איז דאס, קען ער זיך פארשטעלן ווי ער זעהט אויס אין די אויגן פון אנדערע. ווען דער מענטש ווערט אין כעס ווערט זיין זעלע פאראומוויר־דיגט ביז ער קערט זיך צוריק און טוט תשובה.

אומבאגרעניצט איז די שלעכט וואס דער מענטש קען קומען צוליב זיין כעס.

אנטקעגן דעם איז אויך אומבאגרעניצט, וויפל דער מענטש קען זיך דערהויבן דורך אפהאלטן פון כעס און זיין שטענדיג אין רוהיקייט.

## קג,
## והוי דן את כל האדם לכף זכות

די סיבה פון יעדן אנפאנג קריגערייי איז געוויינליך דאס וואס איינער פארשטייט נישט דעם צווייטן, און דער גורם די מחלוקת זאל

זיך פארשפרייטן און ציען ווייטער איז דורכדעם פארגעסן דעם מאמר חז״ל: „והוי דן את כל האדם לכף זכות״.

שטייט אין תורת כהנים און אין ספר המצות להרמב״ם ז״ל (עשה קע״ז): „בצדק תשפוט עמיתך״ — פון דעם פסוק לערנען אונז חז״ל אז מיר זענען מחויב צו פאראורטיילן יעדן מענטש צום זייט פון אומשולד. אויך אין מסכת שבועות דף ל׳ ווערט עס אראפגעברענגט: זאלסט דן זיין דיין חבר צו זכות.

## קד

די מצות עשה פון „בצדק תשפוט עמיתך״ קען דער מענטש מקיים זיין צו יעדע צייט אין זיין מחשבה. צ.ב. ער זעט ווי איינער האט געזעט אדער געטאן עפעס א מעשה וואס איז אייגנטלאך געגן דעם ווילן פון השי״ת, דארף ער אים גלייך פאראורטיילן צו גוטן, און טראכטן איך בין גרייט צו מקיים זיין די מצות עשה פון „בצדק תשפוט עמיתך״. ער דארף אויסטראכטן עפעס א זכות אויף יענעם׳ס מעשה אדער רייד, אפילו ער האט געהאט א טעות אין דעם פאל, האט ער דאך אבער א מצוה וואס ער האט מקיים געווען דעם רצון ה׳ און גורם געווען נחת רוח פאר זיין באשעפער. (יסוד ושורש העבודה שער עבודת הלב).

## קה

אין מסכת שבת דף קכ״ז שטייט: אז דער ענין פון פאראורטיילן דעם חבר צו גוטן און ברענגען שלום — איז פארבונדן איינס מיט די צווייטע — ערקלערט דארטן רש״י: אז דורכדעם וואס ער פאראורטיילט יענעם צו זכות, אז דער צווייטער האט נישט געמיינט קיין שום שלעכטס געגן אים דאס ברענגט שלום צווישן זיי.

לערנען מיר פון דא אז דער עיקר יסוד פון שלום אין מערערע פאלן סיי אין שלום־בית סיי אין שלום צווישן מענטשן קענען מיר אויפהאלטן מיטן מקיים זיין די מצוה פון פאראורטיילן יענעם צו זכות.

## קו

נאך האבן אונז די חכמים געלערנט (שם מסכת שבת דף קכ״ז) אז דער וואס פאראורטיילט זיין חבר צו זכות פירט מען זיך מיט איהם אויך אזוי.

די חז״ל דערציילן אונז אויף דעם א מעשה.

א מענטש פון גליל האט זיך פארדונגען ביי א בעל הבית אין דרום צו ארבעטן ביי אים דריי יאר. ערב יום הכפורים האט ער געזאגט צום בעל הבית: גיב מיר מיין געהאלט און איך וועל גיין שפייזן מיין פרוי און קינדער. האט דער בעל הבית געענטפערט: איך האב נישט קיין געלט; גיב מיר פירות — איך האב נישט; גיב מיר א שטיק באדן און איך וועל דאס פארקויפן — איך האב נישט; גיב מיר בהמות — איך האב נישט; גיב מיר שטוב־זאכן — איך האב נישט. דער ארבעטער האט גענומען זיינע זאכן אין איז אוועק.

נאך יום־טוב האט דער בעל הבית גענומען זיין געהאלט, אויסער דעם האט ער אנגעלאדנט דריי אייזלען. איין אייזל מיט עסנווארג, איינעם מיט געטראנקען און דעם דריטן מיט פארשידענע סארט זיסקייטן, און איז געגאנגען קיין גליל צו זיין ארבעטער. נאכן עסן און טרינקען האט ער אים געגעבן זיין געלט.

זאגט דער בעל הבית צום ארבעטער: זאג מיר, אין דעם מאמענט וואס דו האסט מיר געבעטן געלט און איך האב געענטפערט איך האב נישט, אין וואס האסטו מיר חושד געווען?

איך האב געטראכט אפשר האט זיך דיר געמאכט א ביליגע סחורה און דו האסט אוועקגעגעבן דיין געלט.

אין די צייט ווען דו האסט מיר געבעטן בהמות און איך האב געזאגט איך האב נישט?

אפשר איז דאס פארדונגען פאר אנדערע.

ווען דו האסט מיר געבעטן לאנד, און איך האב דיר ענטזאגט?
אפשר איז דאס פארדונגען פאר אנדערע.

ווען איך האב געזאגט איך האב נישט קיין פירות אין וואס האסטו מיר חושד געווען ?

אפשר זענען זיי נישט געמעשר'ט.

ווען איך האב געזאגט איך האב נישט קיין שטוב זאכן ?

אפשר האסטו דיין גאנץ פארמעגן מקדיש געווען ?

האט דער בעל הבית אים געזאגט, אזוי ווי דו זאגסט אזוי איז געווען, איך האב מיין גאנץ פארמעגן מקדיש געווען וועגן מיין זון הורקנוס וואס האט נישט געוואלט לערנען. ווען איך בין געקומען צו די חכמים האבן זיי מתיר געווען מיין נדר.

ער האט פארענדיגט : אזוי ווי דו האסט מיר דן געווען לזכות אזוי זאל דיר אויך השי״ת דן זיין לזכות.

## קז

שטייט געשריבן אז לעתיד ווען השי״ת וועט פארזאמלען אלע פארשפרייטע פון ישראל פון אלע עקן פון דער וועלט. וועט השי״ת אויך ברענגען די אלע וואס זענען במשך די דורות פון גלות אויסגעמישט געווארן מיט די פעלקער, אבער זייער אפשטאם איז פון אידן.

דאס וואס די חכמים האבן אונז געלערנט ,,והוי דן את כל האדם לכף זכות״. זעהן מיר פון די אויבן דערמאנטע אז באמת פון ווארצל איז יעדער איד גוט נאר זייענדיג צווישן די פיל פעלקער, אזויפיל יארן איז די גוטס פארשטעלט געווארן מיט די דרויסנדיגע זאכן, פונקט אזוי ווי טייערע שטיינער וואס זענען באהאלטן טיף טיף אין דער ערד.

## קח

ווען מיר עסן פון די גוטע פרוכטן, דארפן מיר וויסן אז די פרוכט קומען נישט אליין ארויס פון דער ערד, ס'איז דא אסאך ארבעט ארום דעם, ביז מיר האבן עס גוט צום עסן.

די בוימער וואס מיר זעהן, נישט דאס איז דער כח וואס קען

ארויסגעבן די פרוכט. די שטארקע ווארצלען פון בוים וואס געפינען זיך טיף אין דער ערד און מ'קען זיי נישט אנזען, דורך זיי קען דער בוים וואקסן און ארויסגעבן די גוטע פרוכט. פון וואו אבער קומען די ווארצלען? פון א קליין קערנדל וואס מ'פלאנצט איין אין דער ערד, ביז... מיר האבן די פרוכט.

ווער גיט אבער אריין דעם כח אין דעם קליין קערנדל זאל קענען ארויסגעבן אזא בוים? דאס איז דער כח וואס השי"ת גיט אריין אין דער ערד זאלן ארויסוואקסן די אלע פרוכטן.

ווען דער מענטש באטראכט זיך אביסל אין דעם, וויפל השגחה ס'איז אין דעם, און ווייטער ווי די עסן ווערט אויסגעארבייט אין דעם גוף פון מענטש צו בלוט, און די בלוט דאס האלט דעם מענטש ביים לעבן. אודאי וועט ער מאכן די ברכות פארן עסן מיט גרויס כונה צו דאנקען השי"ת פאר זיין פיל גענאד. דער מענטש פארשטייט אז נישט דורכן קערנדל האבן מיר עס אלעס, נישט דורך די פיל מיה און ארבייט וואס דער מענטש האט אריינגעלייגט, נאר דורך די השגחה פון השי"ת.

א מענטש וואס האט ווייניג פארשטאנד טראכט נישט פון די אלע זאכן, ער איז צופרידן אז ער האט וואס צו עסן. א מענטש וואס טראכט נישט אין דעם אלעס, קומט נישט צו צו דאנקען פאר השי"ת ווי מיר זענען פארזאגט.

## קט

א קעניג האט געלאזט בויען א גרויסן און שיינעם פאלאץ, זיינע ווענט זענען געווען געמאלט מיט וואונדער שיינע קונסט בילדער וואס האט פארכאפט די אויג. דער פאלאץ האט געצויגן פיל באזוכער פון נאענט און ווייט וואס זענען נישט זאט געווארן קוקנדיג אויף די שיינקייט.

נאך א צייט איז דער קעניג און אויך דער קונסט מאלער געשטארבן. דער שיינער פאלאץ איז אריבער צו דעם בן מלך. דאן צו דעם זון'ס זון א.א.וו.

נאך א זעהר לאנגע צייט איז דער גלאנץ און שיינקייט פון די וועגט אראפ, כמעט נישט צו דערקענען די בילדער וואס זענען אמאל געווען. דער קעניג האט זיך זייער געערגערט אויף דעם. ער האט צוזאמען גערופן די גרעסטע מאלער׳ס כדי צוריק צו באנייען די שיינע בילדער. אבער ס׳איז זיי קיינעם נישט געלונגען.

ביז א איינפאכער מענטש, וואס האט קיינמאל נישט געארבעט אין דעם פאך געקומען צום קעניג און געזאגט, ער נעמט אויף זיך די ארבעט, צוריק צו ברענגען די אלע בילדער צו זייער פריעדרדיגע פראכט און שיינקייט.

צו די פארוואונדערונג פון אלע, האט דער, גענומען א נאסע שמאטע, און אנגעפאנגען לאנגזאם און פארזיכטיג אפווישן דעם שטויב פון די ווענט, וואס האט זיך צוזאמען געקליבן אין פארלויף אזויפיל יארן. אין א קורצע צייט, און די ווענט האבן אנגעפאנגען צוריק צו גלאנצן פונקט אזוי ווי ניי. דער פאלאץ האט צוריק אנגעפאנגען ציען פילע באזוכער פון נאנט און ווייט. אלע זענען פארוואונדערט געווארן אויף זיין שיינקייט.

דער נמשל איז: די נשמה פון יעדן איד וואס איז גענומען פון כסא הכבוד, איז אראפ אויף דער וועלט, מיט איר גאנצן גלאנץ, הייליקייט, ריינקייט און שיינקייט. נאר דער גוף וואס די נשמה ווערט אין אים געגעבן איז פארשטויבט געווארן מיט שטויב פון די וועלט אין דעם פינסטערן גלות. מ׳דארף נאר אראפנעמען דעם שטויב וואס איז צוגעקלעפט געווארן, און ס׳וועט אנטפלעקט ווערן דער ריינער און ריכטיגער ווארצל.

## קי

די שלעכטס וואס געפינט זיך ביי ישראל, האט זיך אנגענומען פון די פעלקער, וואס אידן געפינען זיך צווישן זיי, אין לאנגן און ביטערן גלות. און פארקערט, דאס גוטס וואס טרעפט זיך אמאל ביי די פעלקער, איז נאר פון ישראל, וואס זענען בעאיינפלוסט געווארן

דורך ישראל אומווילנדיג. ביידעס אבער, סיי די שלעכט׳ס פון ישראל, סיי די גוט׳ס פון די פעלקער זענען נאר אויבערפלעכליך, נישט פון ווארצל. ווען ס׳וועט ענטפלעקט ווערן די ליכט פון משיח, וועט אראפגענומען ווערן, די אויבערפלעכליכע פוןביידן. יעדער צד וועט בלייבן מיט זיין ריכטיגן ווארצל. ישראל — נאר מיט גוט׳ס. די אומות העולם — נאר מיט זייער שלעכט׳ס.

דאס איז דער ריכטיגער קוק וואס דער מענטש דארף זען ווען ס׳קומט צו מקיים זיין ,,והוי דן את כל האדם לכף זכות". אפילו ווען א איד האט געטאן א עוולה, נעמט זיך עס נישט חלילה פון א שלעכטן שורש פון אינווייניג, דאס קומט נאר פון דרויסן, דארף דער מענטש אין דעם מאמענט אפשאצן זיין ריכטיגן שורש, וואס איז גוט, יענעם אורטיילן ווי ער אורטיילט זיך אליין. יעדער ווייסט אז אויב ער וועט טאן א עוולה, און מ׳וועט אים פארהאלטן אויף דעם — וועט ער זיך פארענטפערן: איך האב עס געטאן אומווילנדיג, איך בין דאך נישט מער ווי א מענטש וואס קען א טעות האבן און געשטרויכלט ווערן. דאס זעלבע זאל ער אויך טראכטן ווען ס׳קומט צו יענעם, נישט אים באשולדיגן אלס זינדיגער, נאר אים דן זיין לזכות. אים גלייכצייטיג אויך צוהעלפן זיך דערהויבן פון גייסטיגע דערנידערונג, אים אונטערשטיצן ער זאל נישט אינגאנצן פאלן, אזוי ווי מ׳לענט אונטער האלצערנע קורות א זאך וואס האלט ביים פאלן.

## קיא

איינער שטעלט פאר דעם לעבן פון די הינט אין אלאסקא ווי פאלגענד: איינער האט געגעבן א פיש פאר א הונט צו עסן, איז געקומען א צווייטער הונט און זיך אויך געוואלט באטייליגן אין די גוטע סעודה. האט אויסגעבראכן א שטארקע קריגעריי צווישן די צוויי. באלד זענען אונטערגעקומען א גאנצע גרופע הינט, געבליבן שטיין פון ווייטנס און מיט פארגעניגן צוגעקוקט צו די קריגעריי וואס ווערט שטארקער און שטארקער. ענדע האט זיך איינער

געשטארקט אויפן צווייטן. דאן זענען אלע הינט צוגעלאפן און בעפאלן דעם באזיגטן הונט, געביסן אים ביז טויט.

דאס זענען הינט, וואס באציען זיך אזוי געגן דעם געיאגטן. מענטשן אבער, וואס השי"ת האט זיי אריינגעגעבן פארשטאנד, האבן איינגאנצן אנדערע באגריפן „אלקים יבקש את הנרדף", „לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה", „אל זה אביט אל עני ונכה רוח" וכו'. דאס איז די דערהויבנקייט פון מענטש, ווען ער לערנט פון די מדות פון הקב"ה. צו דערנענטערן און שטארקן די ארעמע לייט און נידערגעשלאגענע, זיי אונטערשטיצן און העלפן אין אלעס וואס פאדערט זיי. נישט זיך דערנענטערן צו די רייכע און שטארקע וואס דערוייטערן זיך און מאכן זיך נישט זעהענדיג פון די שוואכע און ארעמע.

## קיב

ס'ווערט דערציילט אויף איינעם וואס האט געהאט הינער, זיך צו פארזיכערן טאמער נעמט מען זיי אוועק און ער וועט זיי נישט דערקענען, האט ער אפגעפארבט די פליגלען פון אלע, כדי ער זאל האבן א סימן. ענדליך זענען די הינער געגנבעט געווארן, דער גנב האט גלייך אראפגענומען די פעדערן פון די פליגלען. דער בעל הבית האט גערופן דעם גנב צו א דין תורה. פארשטייט זיך אז דער גנב האט געלייקנט און געטענה'ט אז זיי געהערן צו אים. וויבאלד קיין שום סימן איז שוין נישט געווען אויף זיי, איז דער פסק דין ארויס אזוי: ארויס לאזן די הינער אין דרויסן און זיי לאזן גיין אליין, צו וועלכן וועג זיי וועלן ווענדן, דער איז דער ריכטיגער בעל הבית, פארשטייט זיך אז די הינער זענען געגאנגען צו זייער אמתן בעל הבית.

דער פאלק ישראל האט פון אנפאנג אן באזונדערע סימנים וואס האבן שטענדיג געהיט אויף אים נישט אסימילירט צו ווערן צווישן די פעלקער. „שלא שינו את שמם" — זיי האבן נישט געענדערט זייער נאמען. „את לבושם" — זייער טראגע. „ולשונם" — און זייער שפראך.

צו אונזער באדויערונג האבן אבער א טייל פון ישראל יא פארלארן זייערע סימנים. זייער שפראך, טראגע און נאמען.

די אמתע פראבע צו זען ווער געהער צום פאלק ישראל וועט זיין, ווען משיח וועט קומען. דאן וועלן אלע לויפן זיך אומקערן צו השי״ת מיטן גאנצן הארץ און זעלע. אפילו די וואס זענען פארקראכן פון וועג וועלן אויך טרעפן דעם ריכטיגן וועג צום באשעפער, וואס ווארט, און קוקט אויס שטענדיג צו זייער אומקערונג. אומגליקלאך וועלן זיין די אפיקורסים רח״ל וואס וועלן נישט קענען טרעפן דעם וועג אויף צוריק.

## קיג

א קעניג וואס זיין פאלאץ געפינט זיך אין די הויפט שטאט וואס דארט איז זיין שטענדיגער וואוין ארט. האט נאך א פאלאץ אין א בעזונדער ארט וואו ער פארט איינמאל אין יאר. ס׳קען טרעפן אפילו איינמאל אין זיבעציג יאר. דאך ווערט עס אנגערופן דער פאלאץ פון קעניג.

השי״ת האט באשאפן דעם מענטש אויף זיבעציג יאר לעבן. אויך ווען דער מענטש גיט איינמאל אין זיין לעבן א זיפץ איבער זיין גייסטיגן צושטאנד, ער וועט געבן א ערנסטן טראכט וועגן תשובה טאן — וועט ער זיין צווישן דעם פאלק פון השי״ת, און דער נאמן פון באשעפער וועט גערופן ווערן אויף אים.

אזוי איז די הלכה: איינער האט מקדש געוועהן א פרוי מיטן תנאי אז ער איז א צדיק, איז זי אין א פראגע פון קידושין, כאטש יענער איז א רשע — טאמער האט ער געטראכט תשובה צו טהאן. מיט איין תשובה־געדאנק ווערט פון א רשע א צדיק!

דערפאר דארף דער מענטש זיך זייער היטן און אכטונג געבן נישט צו אורטיילן יענעם צו שולד.

## קיד

יעדער מאן פון ישראל איז א „צלם אלוקים״. טיף אין זיין הארץ איז דער רוה ארט פאר דעם כבוד פון השי״ת און די י״ג מדות.

צוליב דעם צוועק זענען ישראל צושפרייט געווארן איבער אלע עקן פון דער וועלט, כדי צו ווייזן פאר די וועלט דעם כבוד פון הקב"ה און זיינע וועגן.

קטו

ווען דער מענטש אורטיילט דעם צווייטן צו זכות, אורטיילט ער דורכדעם זיך אליין. ווען ער מערט צו דערציילן די לויב פון חבר, איז דאס א באוויז אז ער איז א דערהויבענער מענטש מיט גוטע מדות. דאס וואס ער האט אין זיך גוט'ס זעט ער עס ביים צווייטן. פונקט אזוי ווי איינער האט א פעלער, זעט ער דעם פעלער אין צווייטן. יעדער שאצט אפ דעם צווייטן לויט זיך. אזוי ווי ס'האט נאך נישט פאסירט אז א עפל בוים זאל ארויסגעבן א מאראנץ אדער א אנדערע פרוכט. נאר אזוי ווי דער ווארצל אזוי קומט ארויס די פרוכט. די זעלבע זאך איז אויך ביים מענטש. לויט זיך שאצט ער אפ דעם פריינד.

ווען דער מענטש זאגט א גוט ווארט אויפן צווייטן, קען דורך דעם ארויסקומען א טובה פארן צווייטן. סיי אין געשעפט זאכן, סיי ביי שדוכים א.ד.ג. און פארקערט מיט איין קרים אויפן צווייטן קען מען פיל שלעכט'ס ברענגען דאמיט.

קטז

שטרוי ווערט שנעל געבלאזן פון ווינט ווייל ס'איז זייער לייכט. א שטיין אבער, וועט נישט אזוי שנעל געבלאזן ווערן פון ווינט ווייל ס'איז שווער. צווייגן פול מיט פרוכט וועלן נישט פארבלאזן ווערן פון א לייכטן ווינט, נאר ליידיגע צווייגן וועט דער ווינט שנעל פארבלאזן.

דער מענטש וואס לעבט אן תורה, איז באהערשט פון עגאאיזם און קען נישט אפשאצן דעם צווייטן. ער טראכט בלויז פון זיך און זיינע מכלומר'שטע מעלות, „אני ואפסי", איך און נישט קיינער. און דאס איז א אורזאך אויף שטענדיגע רייסערייען צווישן איהם און די

אנדערע. ער וויל זיך נישט בייגן פארן חבר און נישט נאכגעבן איהם, אזוי ארום פלאצט ארויס א פייער פון מחלוקת און אלע צרות וואס שפראצן ארויס דערפון.

א מענטש וואס איז פיהל מיט תורה, יראת שמים און גוטע מידות — קען אפשאצן יענעם, איהם נאכגעבן און לעבן גוט מיט אלעמען. און איבערהויפט איז עס צו דערקענען אין שטוב. אזא מענטש קען האלטן דעם שלום בית אויפן שעהנסטן אויפן, גוט איז איהם, וואויל איז איהם אויף ביידע וועלטן.

## קיז

דער מענטש וואס לעבט אן תורה, א נייע זאך איז ביי אים טייער, ווען ס'פאנגט אבער אן עלטער ווערן וועט ער עס אוועקווארפן. אזוי פירט ער זיך מיט זיינע שותפים ביים האנדל און אויך מיט זיין בת זוג.

נישט אזוי פירט זיך א בן תורה. ער איז מקיים „בכל יום יהיו בעיניך כחדשים" — יעדן טאג זאל עס זיין ביי דיר אזוי ווי ניי.

ער זעט שטענדיג נאר די גוטס ביי זיין בת זוג. יעדן טאג אזוי ווי ניי. ווען זי זעט זיין פירונג, ברענגט דאס אז זי וועט אויך זוכן נאר זיין גוטס. אזוי זענען ביידע צופרידן און גליקליך. זיי פירן זיך מיט דרך ארץ איינער פארן צווייטן און זענען מקיים „ואהבת לרעך כמוך" וואס איז א כלל גדול בתורה. ווייל נאר ליבשאפט וואס איז אויס־געהאלטן על פי תורה קען ברענגען צו דערהויבנקייטן.

## קיח

## צו די עלטערן

די פראקטיק האט געוויזן אז אסאך שטערונגען אין רוהיגן פאמיליע לעבן, האט צוגעברענגט דאס וואס די עלטערן מישן זיך אין לעבן פון די קינדער. דער „חזון איש" זצ"ל האט שוין אויף דעם געקלאגט און געזאגט וועגן געוויסע פאלן : „די טאטעס און די מאמעס מאכן די אלע צרות".

די עלטערן ווילן זיך נישט איינגעוואוינען צום נייעם צושטאנד אז זייער זון אדער טאכטער זענען שוין יעצט נישט אונטער זייער אויפזיכט, זיי ווילן ווייטער שאפן איבער זיי אזוי ווי פריער ווען זיי זענען נאך געווען אין עלטערן הויז אונטער זייער רשות.

געוויינליך ווילן נישט די עלטערן זעהן דעם פעלער וואס איז ביי זייער אייגן זון אדער טאכטער, זיי וועלן שטענדיג ארויפלייגן די שולד אויפן צווייטן צד, דורכדעם קען ארויסקומען די גרעסטע קריגעריי וואס קען ברענגען צו גרויסע אומגליקן.

## קיט

מ׳דערציילט אויף עלטערן וואס האבן פאהייראט זייער א טאכטער. נאך א צייט אז מ׳האט געפרעגט די עלטערן איבער זייער טאכטער, איז געווען זייער ענטפער: זייער טאכטער איז זייער גליקליך, זי האט געטראפן אמאן ממש א דימאנט, ער גיט אכטונג אויף איר, לאזט איר נישט פרי אויפשטיין, און ברענגט איר אפילו די שאל קאווע צום בעט. נאך א צייט האבן די זעלבע עלטערן פאהייראט א זון. די זעלבע פראגע וועגן זיין גליקליכקייט האט מען די עלטערן געפרעגט. זייער ענטפער איז געווען: אונזער זון האט צום באדויערן זייער נישט גוט געטראפן. זיין פרוי איז זייער פויל, וויל שפעט אויפשטיין און אפילו א שאל קאווע דארף ער איר ברענגען צום בעט.

## קכ

עלטערן וואס ווילן און זוכן דעם גליק פון זייערע קינדער איז נאר דורכדעם, ווען זיי וועלן אכטונג געבען נישט זיך צו מישען ביי די קינדער אין קיין שום זאך.

נישט זייער אפט באזוכן די קינדער, און נישט צופיל צייט זיך זוימען ביי יעדן באזוך.

אויך ווען עלטערן ווילן א קורצן וויזיט מאכן ביי די קינדער זאלן זיי פריער צו וויסען טאן דערויף.

## קכא

ווען ס׳טרעפט, און ס׳פאדערט זיך אריינצומישן אין לעבן פון די קינדער, נישט די עלטערן זאלן עס טאן, נאר פרעמדע, וואס האט נישט קיין שייכות צו די פאמיליע, אזעלכע וואס פארשטייען און קענען גוט׳ס אויפטאן מיט זייער אריינמישן זיך.

## קכב

ווען א קינד קומט צוריק פון חדר, און פארקלאגט זיך פארן טאטן אויפן רבי׳ן, אדער דער טאטע פארהערט דאס קינד, און דער קינד קען נישט דעם לערנען, און דער קינד וועט ארופלייגן די שולד אויפן רבי׳ן. אויב דער פאטער וועט גערעכט מאכן דאס קינד און דעם שולדווארפן אויפן רבי׳ן, איז ווי צו אזא ערציהונג פון קינד. דער טאטע, דארף זעלבסט פארשטענדליך נישט ווארפן די שולד אויפן רבי׳ן, נאר אויפן קינד זעלבסט. ער דארף בעסער איינהערן ביים לערנען אין חדר, און אסאך מאל עס איבערלערנען אין שטוב כדי עס גוט געדענקען. זיך פירן מער מיט דרך ארץ, דאן וועט אלעס זיין אין ארדנונג.

דאס זעלבע ווען ס׳טרעפט אז דער זון אדער טאכטער קומען דערציילן א עוולה אויף דעם בת זוג אדער בן זוג, דארפן די עלטערן וויסן אז זיי טארן זיי נישט גערעכט מאכן, נאר ארויפ־לייגן די שולד אויף אים אליין, זאגנדיג: דו ביזט אליין שולדיג, אויב דו וועסט זיך אנדערש פירן, דאן וועט אייך גוט זיין!

## קכג

### צו די פאר פאלק

יעדער פון דאס פאר פאלק דארף שטענדיג זוכן און וועלן די גוטס און באקוועמליכקייט פון צווייטן.

דער מאן דארף שטענדיג דן זיין לכף זכות די פרוי, און דאס זעלבע דארף די פרוי טאן פאר דעם מאן.

איינער דארף נאכגעבן דעם צווייטן.

דער גאון רבי אליעזר טלזר זצ״ל, האט געווארנט זיינע תלמידים פאר זייער הייראטן: די מצוה פון „עזוב תעזוב״ ד. ה. העלפן דעם צווייטן און טאן חסד איז אויך געזאגט געווארן אז דאס פאר פאלק צווישן זיך איינער פארן צווייטן דארף מקיים זיין, נישט נאר פאר פרעמדע. ווי ס׳שטייט: „ומבשרך אל תתעלם״ — און פון דיינע נאנסטע זאלסטו זיך נישט פארמיידן צו העלפן.

## קכד

דער מאן טאר נישט רימען קיין אנדער פרוי. דאס זעלבע טאר די פרוי נישט רימען קיין אנדער מאן. נאר די פרוי איר מאן, און דער מאן זיין פרוי.

## קכה

אמר רב: לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו, שמתוך שדמעתה מצויה אונאתה קרובה (בבא מציעא נ״ט). — רב האט געזאגט: דער מענטש זאל שטענדיג געווארנט זיין נישט מצער זיין די פרוי אפילו דורך רייד, דען דורכדעם וואס אירע טרערן זענען לייכט ביי איר, קען מען לייכט צוקומען עובר צו זיין אויף דעם פארזאג איר נישט צו מצער זיין. ווייל די טרערן פון די פרוי קענען שנעל קומען וועט אויך די שטראף איילן צו קומען.

## קכו

אמר רבי חלבו לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו שאין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו. — רבי חלבו האט געזאגט: דער מענטש זאל שטענדיג געווארנט זיין אין דעם כבוד פון זיין פרוי, דען די ברכה אין הויז געפינט זיך נאר צוליב זיין פרוי. ווי ס׳שטייט געשריבן, „ולאברם הטיב בעבורה״ — צו אברם האט ה׳ גוט געמאכט צוליב זיין פרוי שרה. צולים דעם האט רבא

## קכז

געזאגט צו די בני מחוזא: איר זאלט טייער האלטן און מכבד זיין אייערע פרויען, דען דורך זיי וועט איר רייך ווערן.

די חכמים האבן אונז געלערנט: דער וואס האט ליב זיין פרוי ווי זיך זעלבסט, און איז איר מכבד מער ווי זיך אליין, און דער וואס לערנט זיינע זין און טעכטער צו גיין אין גלייכן וועג און פאהייראט זיי צו די ריכטיגע צייט. אויף אים ווערט געזאגט ס׳וועט זיין פרידן אין דיינע געצעלטן.

לזכרון הורי, אחי ואחיותי היקרים

יזכור אל׳קים את נשמת

אבי מורי רבי שמואל ב״ר מרדכי הערצמאן ז״ל

מעיר ניסניע ע״י דובענקא, פולין

אמי מורתי מרת צפורה בת ר׳ אליעזר וואקערמאן ע״ה

מעיר טישיוויץ, פולין

אחי: אביגדור מאיר, אליעזר

אחיותי: פראדל, זלאטי, לאה, חנה

שנהרגו על קדוש השם בשנת תש״ב

בשואת אירופה — ה׳ ינקום דמם

תנצב״ה

לזכרון בהיכל ה׳

רבקה בת ישראל מרדכי ז״ל

אין דעם גרויסן פייער וואס אין איהם איז אומגעקומען דאס יודנטהום אין אייראפא, וויל איך לאזן טרערן אויך אויפן חורבן פון מיין עלטערן-היים וואס איז צושמעטערט געווארן און מיין גאנצע פאמיליע איז גע'הרג'עט געווארן אויף קידוש השם אין די אומקום-יאהרן אין די שטעטל ניסניע נעבן דובענקא.

**אבינו מלכנו נקום לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך.**

*

ווען איך דערמאן זיך פון מיינע עלטערן און זייער בילד ווי עס שטעהט פאר מיינע אויגן — זעה איך פאר מיר א ליכט וואס האט מיר פארשיינט אין מיין יוגנט, און באוויזן מיר די ריכטיקע וועג אין וועלכע צו געהן.

די עלטערן האבן זיך מוסר נפש געוועהן אויפן אידישן תורה'-דיגן חינוך פון זייערע קינדער. אונזער תורה-לערנונג איז געוועהן פאר זיי א הייליגע אויף זייער הארץ, זייער איינציגע שטרעבונג און פרייד, פאר דעם האבן זיי געהארוועט. האבן די קינדער זיך אויסגעצייכנט אין לערנען, האט א גליק-געפיהל פארשיינט זייער געזיכט, און אלע זייער צרות און ליידן זענען ווי פארשוואונדן.

מיט פיינליכן בענקעניש דערמאן איך זיך פון יענע יוגנט-יאהרן ווען די עלטערן האבן מיר געשיקט אין די ישיבה לערנען. זונטיג גאנץ פרי פלעג איך פארלאזן די שטוב און פרייטיק פאר זון-אונטערגאנג בין איך א היים געקומען. האט זיך אמאהל געמאכט און איך געוואוסט אז אין שטוב איז דא א סך ארבעט און מען דארף העלפן טאטע-מאמע. בין איך געקומען יענעם ערב שבת אביסל פריער. האבן די עלטערן געהאט פארדרוס דערויף און געזאגט מיר: וואס הייסט עס מפסיק זיין פון לערנען? שטוב ארבעט געהער צו אונז און דו טארסט נישט ארויסגעהן פון ישיבה אפילו איין מינוט פריער פון די צייט!

און נישט בלויז צו תורה לערנען, אויך צו גוטע מידות און איידלקייט האבן זיי אונז קינדער מחנך געוועהן. זיי פלעגן אונז

אויפמערקזאם מאכן אויף יעדן דורכפאל און גרייז אין מעשים און דיבור. ווי פלעגן זיי זיך פרייעהן ווען זייערע ווערטער האבן געווירקט, וייל די ווערטער זענען ארויס פון א ריין אידיש הארץ פוהל אמונה.

די ארעמקייט אין שטוב איז געוועהן אנצוטאפן מיט די הענט, ענג איז געהוועהן מיט די אכט קינדער — און דאך האבן די עלטערן באשטימט א בעזונדער צימער פאר הכנסת אורחים וואו מענטשן זענען אויפגענומען געווארן מיט אזויפיהל הארציקייט און ווארעמ־קייט.

דער טאטע עליו־השלום האט איינגעווארצלט אין אונז א געוואל־דיקע אמונה אין שכר ועונש, און איינגעפלאנצט אנערקענונג אז דער מענטש איז נישט געקומען אויף דער וועלט וועגן פארגעניגנס, נאר כדי צו הארוועו אין לערנען און מקיים זיין מצוות. דער טאטע פלעגט זיך שטענדיג פארשטעלן דעם טאג פון זיין שטארבן, ווי אזוי מען לייגט איהם אריין אין קבר, אזוי ארום האט ער זיך פארשטארקט זיין זיכערקייט אין די נישטיקייט פון דער וועלט און אז די הויפט־זאך איז יענע וועלט. אט די אנערקענונג האט ער ארייינגעדרונגען אין די טיפעניש פון אונזערע הערצער.

ער פלעגט שטענדיג זאגן: טייערע קינדער, ווען איהר געהט אין גוטן וועג, גיט איהר אונז עלטערן גייסטיגע שפייז אויך אין די אויבערשטע וועלט, און ווען נישט איז פארקערט ח״ו...

זייער גאנצע לעבן איז געוועהן א קייט פון תורה און מצוות און גוטע מידות.

אזא שטוב איז געוועהן ביי די עלטערן; אזא שטוב איז חרוב געווארן דורך די רשעים — זאלן די פאר שורות זיין א אנדיינק צו זייער נאמען.

★

# דער אינהאלט

א־ב  די גרויסקייט און דערהויבנקייט פון דעם חופה טאג.
ג  דער מענטש זאל שטענדיג זען נאר די גוטע מעלות פון צווייטן.
ד  אויסרייסן די שלעכטע מדות.
ה־ז  די הויכקייט פון די נשמה.
ח  שלום און פרידן דורך לימוד התורה.
ט  גערעכט מאכן דין שמים דורך לימוד התורה.
י  די אומווירדיקייט פון לוקסוס.
יא  צוביישטיין אין נסיונות.
יב  זיך עצות האלטן מיט די וואס האבן פראקטיק אין לעבן.
יג  די הויפט זאך איז תפלה.
יד  צו נאכפארשטן וועגן די מדות פון שידוך.
טו־יז  פארבעסערן די מדות.
יח־יט  פאר דעם מענטש אליין איז שלעכט די נאכגעבונגען פון זיין יוגנט.
כ  דער שלום בית איז אפהענגיג אין מענטש אליין.
כא  צו פארבעסערן די מדות פאדערט חינוך.
כב־כו  באשולדיגן זיך זעלבסט און נישט לייגן די שולד אויפן צווייטן.
כז  צו לערנען גוט'ס איינער פון צווייטן.
כח  נישט אונטערשיידן צווישן אייגענע קינדער און שטיף קינדער.
כט  שעצן איינער דעם צווייטן.
ל־לא  גוטע מדות און אייגנשאפטן האט דער מענטש פון אנפאנג אן.
לב  נישט קומען אין פארלעגנהייט.
לג  גוטע געזעלשאפט קען צוברעכן די שלעכטע מדות.
לד  ליבשאפט צום צווייטן דורך לימוד התורה.
לה־לז  צו ברענגען דעם פאמיליע לעבן אין ארדנונג.
לח  ווי צוזאגן שטראף רייד.
לט  געדולדיקייט פון איינעם צום צווייטן.

## דער אינהאלט


מ הכנסת אורחים ווי עס באדארף צו זיין.
מא לוקסוס שטערט צום שלום בית.
מב נישט אכט לייגן וואס יענער וועט זאגן.
מג נישט צארנדיג ווערן ווען ס'צוברעכט זיך עפעס אין הויז.
מד עצות צו א לעבן פון פרידן.
מה־מו באקוועמליכקייט ברענגט אומגליקן.
מז דער מענטש איז ווי א אנגעבלאזענער לאגל מיט שלעכטע מדות.
מח וואס מ'טוט טוט מען זיך.
מט־נב צוברעכן און אויסרייסן די שלעכטע מדות.
נג פארשווייגן ביי א קריגעריי.
נד די הויפט זאך ביי א לעבן פון פרידן איז די גוטע מדות.
נה־נז די אחריות וואס ליגט אויף יעדער מענטש אלס מענטש.
נח די גרויסקייט פון לימוד התורה.
נט־ס דורך די תורה — אייביגער לעבן.
סא־ע די פליכט פון אידישע טאכטער צו אויפבויען א אידישע הויז.
עא־עב זיך באהעפטן צו די גוטע.
עג־עה א לערע פון די זינד פון פארמיידן אידישע קינדער.
עו־פ פארמיידן קינדער פון דער וועלט ברענגט צו פארשידענע ליידן.
פא די גרויסקייט פון מערן אידישע קינדער.
פב־פד מיגערן קינדער מינערט די פרנסה.
פה־פו א לעבן פון פארגעניגן דורך מערן אידישע קינדער.
פז־פח מתפלל זיין אויף פיל קינדער.
פט־צא זעהר גרויס איז די זינד און שטראף פון פארמיידן קינדער.
צב קב וועגן דעם ענין פון כעס.
קג־קי צו דן זיין יעדן מענטש לזכות.
קיא העלפן דעם געדריקטן.
קיב־קטו נאך וועגן דעם ענין פון דן זיין לכף זכות.
קטז־קיח גליקליך איז דער לעבן פון א בן תורה.
קיט־קכג צו די עלטערן.
קכד־קכז צו די פאר פאלק.


תם ונשלם

**שבח לאל בורא עולם**